STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09672

LIBSHAFT

Roze Kagno

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזע קאַגנאָ

לידער און פּראָזע

ראָזע קאַגאַנאָ

ליבשאַפט

לידער און פּראָזע

אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, 1961

PROSE AND POETRY

ROSE KAGNO

אותיות אויפן שער־בלאַט געצייכנט פון פּרץ קאַמינסקי

Copyright 1961 by:
J. L. KAGNO
3326 Bainbridge Ave.
New York 67, N. Y.

Printed by

Grenich Printing Corp.
155 West 25 Street
New York 1, N. Y.

166

ראָזע קאַגנאָ

אינהאַלט:

געוויין — 13
מיין וועג — 14
מיין ייִנגעלע — 14
האַרבסט — 16
אַזאַ געזאַנג — 17
איך בענק — 18
אַ פייגעלע — אַ מייזעלע — 19
אַ פאַרדאַכט — 21
וואָס אַרט עס מיך? — 22
אַ וויגעלע — 23
דער שפּאַס — 24
אַ פויגל דערציילט — 26
איצט ווייס איך פאַרוואָס — 28
ניט ניין, ניט יאָ — 29
אַ וואָלקן — 30
איינציקע פערזן — 31
געזאַנג — 32
וואו? — 34
דו האָסט — 36
אַמאָל און היינט — 37
נאָר דו, מיין האַרץ — 39
גיב אויף דעם קאַמף — 40
דער טויט פון אַ פייגעלע — 41
אַ געשטאַלט — 43
דו, שווייגנדיקער — 44
אפשר — 45
אונדזער היים — 46
ווען בלעטער פאַלן — 47
אַ טאַנץ — 48
דער ערשטער פויגל — 49
נאָך אַ שטורעם — 50
אַ מוטער — 51
די שיף — 52
אין מיין גאָרטן — 53
דו ביסט געקומען — 54
פרייד פון ליבע — 55
סודותדיקער, דו — 56
ווען דו ווערסט אַמאָל — 58
צווי טרערן — 59
איך ווייס ניט — 61
אַ יעגער — 62
פאָלקסטימלעך — 63
מסתמא איז אַזוי באַשערט — 64
אין פאָלקס־טאָן — 65
קינדער — 66
אין האַרצן ברענט אַ פייער — 67
אין מיין גאָרטן — 68
שניי — 69
אַ שטיקל פּאַפּיר — 70
דיין שווייגן — 71
אַ בליק — 72
איך האָב דיך באַגלייט — 73
טרוים אין שטורעם — 74
איך פאַרוויג אַ חלום — 75
אַ קאַפּריזנער באַגער — 76
פרילינג — 78

מוטערס־טאָג — — — — — — — 79
נאָר דו, מיין האַרץ — — — 80
צום קאַפּיטאַן פון מיין זעל — 81
אַ מיידל חלומט — — — — — 82
די אַלטע מאַמע — — — — — 84
די באָבע און דאָס אייניקל — 86
איך גיי אין חדר — — — — — 88
די באַלאַדע פון דער קאָרן־
שניטערין — — — — — — 91
אַ פּאָר־פאָלק — — — — — — 97
איי־לע־ליו־ליו — — — — — 106
זכרונות און דערציילונגען — 107
רייזל־קרייזל — — — — — — 109
עטעלע־שרעטעלע — — — — — 116
איך און דאָס קעלבל — — — — 126
דער גוטער פּריץ — — — — — 128
אַ שלעכט יינגל — — — — — 137
דאָס געבעט פון די הונגעריקע 140
די דערוואַכונג — — — — — 142
דאָס נייע בענטשערל — — — — 147
דער האַרבסט און דער ווינטער 151
אַ ניו־יאָרקער מעשה — — 153

אַרײַנפֿיר

אין דעם בוך איז דאָ אַן אָפּקלײַב פֿון די כתבים, וואָס זײַנען איבערגעבליבן פֿון ראָזע קאַגאַנאַ, געשטאָרבן אין יאָר 1959. זי איז געווען אַ שול־טוערין (שולן פֿון דעם שלום עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט) אַ קולטור־טוערין. אין דער בראָנקסער ש״ע־שול 21, איז אויפֿגעעפֿנט געוואָרן אַ שול־אודיטאָריום אויף איר נאָמען; איז געווען אַ פֿרוי מיט שײנע מידות. אָבער קײנער האָט ניט געוואוסט אַז שטי־לערהייט, דורך נעכט, זיצט זי און שרײַבט און פֿילט־אָן איין העפֿט נאָכן צווייטן... ערשט נאָך איר טויט זײַנען די כתבים געפֿונען געוואָרן און זיי זײַנען געבראַכט געוואָרן צו דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ליטעראַטור־מבֿינים. מען האָט אין די העפֿטן געפֿונען אַ צאָל גוטע פּאָעטישע און דערציילערישע זאַכן.

אין דעם דאָזיקן בוך „ליבשאַפֿט" זײַנען אַלס רעזול־טאַט פֿאַראַן לידער און דערציילונגען וואָס זײַנען אָפּגע־קליבן, רעדאַקטירט און צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק.

זאָלן די ליכטיקע פֿונקען פֿון אַן אײדעלן מענטשן ניט פֿאַרלאָשן ווערן.

יהושע קאַגאַנאַ.

אָקטאָבער, 1961.

לידער

ג ע װ ײ ן

פאָריבער איז דער דונער,
אויך שטיל װערט דער װינט;
די נאַכט װערט טונקל,
די לבנה פאַרשװינדט.
עס הערט זיך פון ערגעץ
אַ פאַרנעפּלט געװײן,
װי פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער שיף,
װאָס װײס ניט װאוהין צו גײן.

מײַן װעג

איך האָב זיך געלאָזט גײן
אין װאַלד פון מײַנע געדאַנקען —
אילוזיעס זײַנען, װי פּירות
אויף צװײַגן געהאַנגען,
װאַרטנדיק אויף אַ זוניקן שטראַל
רײַף צו װערן.
נאָר פּלוצלונג האָט דער הימל
זיך אָנגעכמורעט,
און מיט אַ נעבל
דעם װאַלד פֿאַרצויגן.
האָבן זיך די װעגן פֿאַרפּלאָנטערט —
בין איך געבליבן װאַרטן
ביז דער נעבל װעט פֿאַרגײן
און די זון זאָל אַרויס.
װאַרט איך —
אָדער —
אפשר ניט װאַרטן,
נאָר שטעלן אַ טראָט נאָך אַ טראָט,
— אַבי גײן.

מיין יינגעלע

איך האָב אַ יינגעלע איז ער גוט און זיס,
נאָר ער שאַרט זיך אויף קראַנקע פיס.

ער רעדט און פאַרשטייט אַלץ, געוויס!
אָבער ער קען ניט גיין אויף זיינע פיס.

שטילערהייט טרערן איך פאַרגיס —
מיין יינגעלע שאַרט זיך אויף קראַנקע פיס.

האַרבסט

דער האַרבסט האָט מיין גאָרטן
איבערגעפּאַרבט —
די גרינע בלעטעלעך פון בוים
ברוין און געל געמאַכט;
גיסט די זון פאַרנאַכט מיט אירע לעצטע שטראַלן
די ביימער מיט פייער אָפּ —
קומט די נאַכט מיט אַ בייזן ווינט
און רייסט די בלעטער גאָר אַראָפּ.

אַזאַ געזאַנג

צו מיין זון —
יצחק נח

מיין פייגעלע זינגט היינט אין שטייגעלע
מיט אַזאַ מאָדנעם געזאַנג,
מיר דוכט — ס׳איז גאָר געשריי.
וואָס האָט זי צו שרייען ?

וואַסער געגעבן,
קערנדלעך אויך,
נאָר זי זינגט היינט מיט עפּעס אַזאַ —
מאָדנעם געזאַנג !

מסתמא טוט איר עפּעס וויי, אַז איר געזאַנג
הערט זיך ווי אַ געשריי —
— אוי, אוי !
מסתמא בין איך אויך אַזוי...

איך בענק...

איך טראַכט און דענק,
איך בענק און בענק;
אַ ווייב דאַרף היטן אירע טריט,
אָבער דאָס האַרץ ציט און ציט.
איך בין פאַר זיך אַליין שוואַך,
כ'האָב צרות גאָר אַ סך.
דאָס לעבן איז מיר פול מיט צער,
איך דענק און בענק —
און בלייב דער זעלביקער נאַר.

אַ פייגעלע — אַ מייזעלע

פאַרוואָס האָב איך ליב אַ פייגעלע,
און האַס אַ מייזעלע? פאַרוואָס?
קען זיין —
ווייל דאָס פייגעלע זינגט,
און דאָס געזאַנג קלינגט אָפּ אין האַרצן,
וועקט מיינע חלומות.
און פאַרוואָס האָב איך פיינט אַ מייזעלע,
ניט יעדע באַשעפעניש קען דאָך זינגען?
אָ, איך ווייס:
דאָס מייזעלע האָט אויפגעגעסן
דער באָבעס קעז;
איז נאָך ניט גענוג —
נאָר דאָס מייזעלע, פון דער לאָך אַרויס,
האָט אויך דורכגעלעכערט, דורכגעביסן
דער באָבעס צאינה וראינה.

זי האָט אַפילו זיך צוגעכאַפּט צו דער אַלטער הגדה
פון דעם זיידן.
אָט דערפאַר —
זינג, זינג, קליין פייגעלע!
און קום ניט מער, דו שלעכט מייזעלע
אין אונדזער הייזעלע!

אַ פֿאַרדאַכט

ווערט אַ פֿאַרדאַכט אין זיין האַרץ געבאָרן —
ווערן זיינע אויגן פֿייער־רויט,
און דאָס פּנים — צעקרימט פֿון צאָרן;
קראַמפּט ער זיינע הענט צונויף
און פֿאַרמעסט זיך אין דער הויך...
נאָר פּלוצלונג פֿאַלט זיין בליק אַראָפּ
אויף מיין פֿרי־פֿאַרשנייטן קאָפּ —
ווערן זיינע אויגן מילד, און מילדער,
לאָזט ער זיין האַנט אַראָפּ,
און גלעט און צערטלט ווי אַ פֿאָטער
זיין קינדס ווייסן קאָפּ.

וואָס אַרט עס מיך?

וואָס אַרט עס מיך,
אַז דו מיידסט אויס מיין טיר, —
דו ביסט דאָך
אַלץ איינס מיט מיר.

וואו דו זאָלסט
ניט גיין,
די נשמה דיינע
איז אייביק מיין.

טאָ וואָס אַרט עס מיך
אַז דו מיידסט אויס מיין בליק —
אין טרוים זע איך דיך,
איז אַ טרוים — מיין גליק...

טאָ וואָס אַרט עס מיך
אַז דו שווייגסט, ווען איך רייד צו דיר —
דער ווינט כאַפּט אויף דיין זיפץ
און ברענגט אַן ענטפער מיר...

וואָס אַרט עס מיך
אַז דו מיידסט אויס מיין טיר!

אַ וויגעלע

די צייט קומט און ברענגט
צו דער מוטער די פרייד;
פּוצט זי אויס דאָס וויגעלע
מיט שפּיצן און מיט זייד, —
און מיט אַ וואַרעם קאָלדרעלע
איז איינגעדעקט דאָס קינד;
די מאַמע וויגט דאָס וויגעלע
און זינגט אַ קינדעריש לידעלע —
„אַ ציגעלע — ווייס ציגעלע".

דער שפּאַס

אין די געדיכטע שאָטנס פֿון וועלדל
איז אַ קלאָר טייכל געפּלאָסן;
פֿון בלויען הימל, האָט די זון גאָטס וועלטל
מיט גאָלדענע שטראַלן באַגאָסן.
האָט אַ זוניקער שטראַל
אין די שאָטנס פֿאַרבלאָנדזשעט
און האָט דאָס פּליסן
פֿון טייכל דערהערט;
שטראַלט ער פֿון דער הויך אַראָפּ
און שפּיגלט זיך אין טייכל אָפּ.
שפּיגלענדיק זיך אין קלאָרן טייכל
ווערט דער שטראַל שטיפערדיק
און באַהאַלט זיך שפּאַסיק אין אַ וועלעכל.
ווערט דאָס טייכעלע אומעטיק

קומט פון דער טיפעניש אַרויס אַן אַנדער וועלעכל,
אַ ביסל קנאהדיק, אַ ביסל קינדעריש —
און לויפט צום ברעג, און מורמלט סודותדיק...
כאַפּט דער ווינט אויף די סודות ביים ברעג,
און טראָגט זיי צו אַ וואָלקנדל אַוועק.
דערזעט דער שטראַל
אין וואָלקן זיין סוד פון פרייד,
טוט אים שוין דער שפּאַס לייד.
גייט ווידער די זון שמייכלענדיק פון די וואָלקנס
אַרויס...
איז דער שטראַל שוין אויך געוואָרן בלאַס
פון דעם שטיפערדיקן שפּאַס.

אַ פויגל דערציילט

פון דריי קליינע פייגעלעך
בין איך אַ מוטער געווען.
איך האָב פאַר זיי אַ נעסט געמאַכט —
און אונטער מיינע פליגעלעך
פלעג איך זיי ביינאַכט טוליען;
ביים טאָג פלעג איך קערנדלעך
קלייבן, אויך פעדערלעך, שטרוי —
און אין די פרימאָרגנס
פלעג איך זינגען פאַר זיי.

איז איין מאָל פאַרביי מיין נעסט
אַ בלויער פויגל אָנגעפלויגן —
און האָט מיך מיט זיין בליק
ווי מיט כישוף צוגעצויגן.

בין איך שטילערהייט
אַרויס פון מיין נעסט,
און האָב זיך מיטן פויגל
אויף אַ גרינעם צווייג געזעצט...

איך ווייס ניט ווי לאַנג
איך בין מיט אים געזעסן
איך ווייס אַז איך האָב
אין מיין מוטערשאַפט פאַרגעסן.

דער פויגל האָט געזונגען
איך האָב געטרוימט;
און אַ יעגער האָט אונדז
דעם וועג פאַרצוימט.

וואָס מיינט פאַרצוימט?
וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה?
וואָס איז דאָס פאַר אַ טרוים?...
דער יעגער האָט אויסגעשאָסן,
דער פויגל פאַלט פון בוים.

ער פאַלט און פאַלט און טראָפּנס בלוט
זיינען אויף בלעטער גערונען —
דעם וועג צו מיין נעסט
האָב איך שוין ניט געפונען.

איצט ווייס איך פֿאַרוואָס...

איצט ווייס איך פֿאַרוואָס
אין יענעם פֿרימאָרגן האָט פֿיל געדרעגנט,
ווען איך האָב דיך צופֿעליק באַגעגנט.
דו האָסט מיך באַגריסט
און פֿאַרלעגנהייט געבליבן שטיין,
ניט געקענט האָסטו ווייטער גיין,
אויך ניט געקענט מיט מיר לענגער שטיין,
האָסטו גענומען צו מיר ריידן,
אַזוי שטיל — שטילערהייט,
ווי אַ פֿאָטער צו אַ קאַפּריזנעם קינד —
מיט גוטע רייד.

איצט גייט אַ רעגן,
אָבער מאָרגן וועט זיין זון —
וועל איך דיר שטראַלן ברענגען,
וועסטו זיך שפּילן מיט זיי,
ביז זיי וועלן פֿאַרגיין...
און אַז זיי וועלן פֿאַרגיין,
וועסטו ווידער בענקען —
נאָר די לעצטע באַגעגעניש
אויף אייביק געדענקען.

ניט־ניין, ניט־יאָ...

אין גאַס האָט אַ שניי־שטורעם געשטורעמט
זאָגט אַ זקן, אַז פון דעם שטורעם
וועט זיך דאָס וועלטעלע איבערקערן.
זאָל זיך דאָס וועלטעלע איבערקערן —
ניט עס טוט מיר לייד,
און ניט איך בין גערן.
שטיי איך אַזוי ביים פענצטער
אין דער שנייאיקער שעה —
און איך טראַכט —
ניט־ניין, ניט־יאָ...

אַ וואָלקן

איך האָב דיך באַגלייט
מיט קינדערשער פרייד,
נאָר אַ וואָלקן איז אויך מיטגעגאַנגען —
און ווען דו האָסט גענומען
פון מיר אָפּשייד,
איז אויך, ווי דו, אַוועק
אין וואָלקן מיין פרייד.

איינציקע פערזן

.1

דו ביסט אַ קעמפער,
און דו וואַרטסט אויף אַ זיג —
איך שפּין אַ חלום —
און וויג אים און וויג...

.2

איך שפּיל און שפּיל און מאַך זיך פריילעך
און דער קאָפּ ווערט אַלץ מער גרויליך...
איך שפּיל און שפּיל
זאָג מיר, פידעלע, דו מיין,
ביז וואַנען נאָך, ביז וואַן —
וועל איך אַזוי אומרואיק זיין?

געזאַנג

פייגעלע, קליינינקע, מיינס
דו זינגסט אין דעם שטייגעלע דיינס.
איך וואַרף דיר אַ קערנדל,
אַ ברעקעלע ברויט,
און דו זינגסט פון פרימאָרגן ביז צו זון פאַרגאַנג:
— אַ דאַנק, אַ דאַנק...

און אַז די זון פאַרגייט,
גייט אויך מיט דיין פרייד;
זינגסטו און בענקסט —
זינגסט אָדער וויינסט?

אין זון־פאַרגאַנג האָט אַ שטראַל
דעם פויגלס בענקעניש פאַרנומען,
און אַוועקגעלאָזט אויף אַ וועלכל —
איבערן ים שווימען.
האָט דער ים זיך צעשטורעמט,
און פאַרטרונקען
דעם ברעג מיט אומעט.

דער ווינט האָט דעם אומעט אויפגעכאַפּט
און אַוועקגעטראָגן
צו די פייגעלעך אין וואַלד —
די פרייע פייגעלעך פון וואַלד
האָבן דעם ווינט אויסגעהערט
און דעם נאַכטיגאַל דעם אומעט פאַרטרויט.

דער נאַכטיגאַל, באַהעלט מיט לבנה שיין,
האָט געזונגען פון ליבע די פרייד —
און די פרייע פייגעלעך האָבן באַגינען
אויסגעגאָסן די פּיין.
פון יענעם פויגל,
וואָס איז אין שטייגל געבליבן פאַרמאַכט.

וואו?

פלוצלונג האָב איך זיך ווי פון שלאָף דערוואַכט:
— וואו האָב איך מיינע 30 יאָר פאַרבראַכט?
וואו זיינען זיי אַוועק...
מיינע יאָרן, מיינע טעג?
פלי איך ווי אויף פליגלען
ווייט אַוועק צוריק.
כ׳פלי מיין קינדהייט זוכן,
וואָס געווען איז — גליק!

געפין איך גאָרנישט, ניט קיין קינדהייט,
ניט קיין גליק.
איך בין קיין מאָל קיין קינד נישט געווען,
אין מיין קינדהייט האָב איך שוין געמוזט זיין גרויס,
זיך דערנערן מיט מי און שווייס.
(...זיצט אַ פריצטע אויסגעפוצט
האַלט אין האַנט אַ ביכל —
איך, געבויגן לעבן איר,
ניי איר נאָמען אויף אַ טיכל).

פלי איך פון מיין קינדהייט
צו מיין פרילינג־גאָרטן,

אפשר אונטערביימער,
בליט מיין יוגנט דאָרטן...
זע איך ביי די פליכטן,
זיצט אַ מאַמע דאָרטן —
וויג איך איין אַ קינד,
כאָטש איך בין אַ קינד אַליין.

אַרומגעפלויגן שוין רונד אום —
בלייב איך שטיין פאַרבליפט און שטום.
וואו זאָל איך ווייטער גיין ?
האָב איך ווי פון שלאָף דערוואַכט :
וואו האָב איך מיינע
דרייסיק יאָר פאַרבראַכט ?

דו האָסט

דו האָסט אין מיין האַרץ
אַזוי לאַנג געקלאַפּט,
ביז אין מיין האַרץ
האָט אַ חלום דערוואַכט.

האָסטו ווי אַ געניטער פּעכטער
מיין טרוים מיט אַ שמייכל באַטראַכט,
מיטן זיג — געוואָרן זיכער!
דיר צו קעמפן איז גוט —
דיינע אויגן — שפּיזן־פייער,
דו גייסט אויף געפּעכט!
קענסט אָנצינדן נעכט!...
און מיין טרוים איז אַזוי בויגזאַם
און צאַרט ווי אַ בלום,
זאָל איך קעמפן
מיט מיין אייגענעם טרוים?

אַמאָל און היינט

אַמאָל, אַמאָל האָט בייַנאַכט
אַ שלעכטער חלום
מיך אין זיין נעץ פאַרכאַפּט,
און געטאָן מיר וויי.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט
מיט אַ געשריי.
באַלד איז די מאַמע,
געווען ביי מיין בעט,
און האָט מיך מיט אירע
פינגער געגלעט ;
באַרואיקט, פאַרליולעט —
און צוריק אין זיסן
שלאָף מיך פאַרוויגט...
איך געדענק עס נאָך קוים.

אָ וואו ביסטו, מאַמע,
אָ, וואו ביסטו, טרוים ?..

היינט טרוים איך בייטאָג,
און בייַנאַכט פלעכט איך אַ נעץ,
און צערטל און גלעט

דעם טרוים שטילערהייט;
איך וויג אים אַהין —
איך וויג אים אַהער.
געקומען צו שפּעט —
אָ, נאַר וואָס איך בין!
געכאַפּט זיך צו שפּעט,
אַך, דו שפּעטיקע פרייד,
שפּעטיק, טרוים —
זיי מאָנען און מאָנען —
פאַרוויגן איז שווער;
עס העלפט ניט קיין לידל.
עס העלפט ניט קיין טרער.

נאָר דו, מיין האַרץ...

דער רויט־ברוסטיקער ראָבין,
דער אָנזאָג פון פרילינג איז געקומען
צוריק פון די וואַרעמע לענדער —
פייגעלעך, פעדערלעך, פליגעלעך —
לידער פאַר קינדערשע וויגעלעך.
און אין גאָרטן, אונטער מיין פענצטער
די געלינקע „בעכערלעך" בליען.
נאָר דו, מיין האַרץ —
קאָנסט די בענקעניש ניט שטילן.
דער פרילינג מיט די בלומען, ריי נאָך ריי, —
מאַכן שטאַרקער נאָך דיין ווייַ!...

גיב אויף דעם קאַמף...

אָ, גיב אויף דעם קאַמף אָן אַ זיג,
דו וועסט אַלץ איינס ניט געווינען קיין גליק —
דו וועסט געפינען ניט מער, ווי יסורים,
און טרוימען? דאָס האָסטו דאָך גאָר אָן אַ שיעור.
זיי בליען שוין באַלד
אויפן בלאָנד-ווייסן קאָפּ ביי מיר...

דער טויט פון אַ פייגעלע

זיי האָבן געלאַכט פון מיין
קינדעריש געוויין,
ווייל זיי קענען ניט פאַרשטיין.

ווען דו האָסט ציף־ציף געוויינט,
ווייל ס׳האָט דיר עפּעס געטאָן באַנג,
האָט עס ביי זיי געהייסן: זיס געזאַנג...
און אַז איך האָב געוויינט אויף דיין
פאַרשטיקט לעבן,
האָבן זיי געלאַכט.
זיי האָבן דיר קערנער געגעבן.
אַ זופּ וואַסער,
נאָר זיי האָבן דיר אויך דעם טויט געבראַכט...

ווער האָט פאַרגעסן צוצומאַכן דאָס טירעלע
פון דיין שטייגעלע ?
זיי, נאָר זיי !
האָסטו, קליין פייגעלע, געוואָלט זען,
וואָס טוט זיך אויף יענער זייט פון דיין
גאָלדן שטייגעלע,
האָסט אַרויסגעשטעקט דיין קליין קעפּעלע,
און באַלד חרטה געהאַט.
נאָר האָסט ניט געקענט מער צוריק
אַריינציען דיין קעפּעלע ;
ביסטו געבליבן
מיט די פליגעלעך אין די שטעקעלעך —
צונויפגעדריקט, פאַרשטיקט.
אויס פייגעלע,
ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט !..
און זיי האָבן גאָר פון מיר געלאַכט,
געלאַכט פון מיין קינדעריש געוויין.

אַ געשטאַלט

אַ מתנה — איידא קאָהען

זי איז מיטן געדאַנק אַ טיפע,
מיט דער נשמה אַ העלע;
פון דער נאַטור אַ שטילע,
נאָר איר האַרץ איז מיטליידן פול.

דער קאָפּ אירער ווי אַ זקנה,
נאָר אויגן ריינע,
ווי ביי אַ קינד אַ קליינס.
פון שיקזאַל געטריבן
אין שטורעם און ווינד,
אָן אַ היים, אָן אַ קינד,
אין אַ הייליקייט איז זי איינגעהילט —
דאָס גרויסע, אַלטע קינד.

דער וואָס קען הערן
פון דעם ניט־דערגרייכטן
דאָס געוויין —
בלויז דער וועט זי קענען
באַנעמען און פאַרשטיין...

דו, שווייגנדיקער

איך האָב אַ פֿריינד וואָס שווייגט,
און אַ האַרץ האָב איך וואָס רעדט...
ווי וואָלט איך וועלן
אַז עס זאָל זיין פאַרקערט!

און אפשר, אפשר?

אפשר איז טאַקע מיין פריינד גערעכט
אָט שווייגט דאָך אויך די זון,
שווייגט און שטראַלט,
וואַרעמט און גלעט.

און פון דער הויכער הייכקייט
טוט די זון שווייגנדיק
אַריינדרינגען אין דער טיפסטער
טיפעניש פון דער ערד.

און ווען די זון גיט אַ בליק —
איז דער בליק בעסער נאָך פון גליק...

א פ ש ר . . .

דו האָסט מיט דיין בליק היינט
מיינע פאַרוואָלקנטע טרוימען
פון די נעכטנס
באַשיינט —
איז אפשר וועסטו אויך מאָרגן,
מיין טרוים פון היינט,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט פויגל
מיט אַ נעסט באַזאָרגן...

אונדזער היים

צו מיין מאַן
יהושע קאַגנאַ

מיר האָבן אונדזער היים ווי אַ טעמפּל געבויט,
אויף ליבע און טרייהייט —
דעם גרונטשטיין געשטעלט,
און געוועז אויף דער וואַך,
אַז אונדזערס זאָל זיין דער געצעלט!...
און אין לייד, אין פרייד,
האַנט אין האַנט —
געגאַנגען באַנאַנד,

האָבן יאָרן פאַרבליצט,
און איצט —
איז אונדזער גאָלדענער היינט!
דער גאָלדענער היינט —
ער וועט ווי די נעכטנס
פאַרגיין —
און וואָס מאָרגן וועט ברענגען,
ווייס נאָר גאָט אַליין!

ווען בלעטער פאַלן

ווען די רויזן וועלן מער ניט בליען
און דער נאַכטיגאַל וועט מער ניט זינגען,
און בלעטער וועלן פאַלן און פאַלן;
ווען אונדזערע קעפּ וועלן זיין
ווייס די זילבער —
ווען אַלץ און אַלץ וועט
שוין זיין פאַריבער —
און איך וועל זיצן איינגעהילט —
אין אַ וואַרעמער שאַל,
אין בלעטער־פאַל,
און וועל איבערלעבן דאָס איבערגעלעבטע
נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל...
קום, פריינד און חבר מיינער ליבער,
קום, זעץ זיך לעבן מיר,
האַלט מיין אויסגעשטרעקטע האַנט.
זאָל אונדזער שקיעה זיין שיין,
ווי ס'איז געווען דער אויפגאַנג דאַן —
מיין פריינד, מיין חבר דו, מיין מאַן!

אַ טאַנץ

די ערד איז געוואָרן גרין —
נאָר מיין קאָפּ איז ווייס.
וואָס? אַ שניי אין מיטן פרילינג?
נו, אַז שניי, איז וואָס?
איך בין אַ „שוועסטער פון רחמנות״.

ס׳איז ווי׳ און ווינד —
איך האָב אין שטוב אַ קראַנק קינד,
זע, די קראַנקן־שוועסטער
טראָגן ווייסע טשעפּיקעס
אָנגעקראָכמאַליעט, שטייף —
איך טראָג אַ ווייסן קאָפּ,
אַ ווייסן קראַנץ, —
כאָטש לאָז זיך אין אַ טאַנץ.

דער ערשטער פויגל

דער רויט־ברוסטיקער ראָבין —
אָנזאָג פון פרילינג איז געקומען.
פליט דער ראָבין צו זיין אַלטער נעסט,
איז דער נעסט מיט שניי פאַרדעקט.
פליט צום גאָרטן דער ראָבין —
זוכט און פיקט אַ וואָרעם,
איז די ערד נאָך פאַרפראָרן.

דער ווינטער זאָגט צום ראָבין:
— „ווערסט באַלד מיין קעלט דערפילן,
דיינע פיסעלעך וועלן פאַרפרירן
מיט דיין שפרונג אויף דעם קאַלטן שניי״.
נאָר דער ראָבין שפרינגט —
אַ פויגל זינגט —
דאָס איז דאָס קול פון פרילינג:
— וואָס קומט דיר, ווינטער, פון גאווה דען אַרויס,
איין שטראַל פון מיר — און דו ביסט אויס!...

נאָך אַ שטורעם

(וואַריאַנט)

טוליען זיך פייגל צו פייגל
אין זייער נעסט;
שטיל ווערט דער וואַלד,
שטיל ווערט דער ווינט,
די לבנה פאַרשווינדט.

אַ מוטער

איך האָב געטראָגן אַ ליבע־געפיל
אין מיין האַרצן,
ווי אַ מוטער אַ קינד אין איר לייב.
און אַזוי ווי אַ מוטער דערפילט
אונטער איר האַרצן —
דעם ערשטן צאַפּל פון אַ נייעם לעבן,
אַזוי צאַרט האָט זיך אין מיין האַרץ
די ליבע אַ צאַפּל געגעבן,
האָב איך זיך שטילערהייט
געפרייט מיט מיין פרייד.

זיך געפרייט און געגרייט —
נאָר ווי ביים געבורט פון אַ קינד,
האָב איך דערהערט
ניט געלעכטער, ניט פרייד —
נאָר געוויין.

די שיף

איך זעץ זיך אין דער שיף מיט מיין קאַפּיטאַן אַריין,
און איך שווים, איך ווייס ניט: צי אויפן וואַסער צי אין
לבנה־שיין.
די לבנה זי ווייזט אונדז צו ליבע דעם וועג,
צו איר קיניגרייך, ערגעץ אויף אַן אינדזל, אָדער
אויף אַ ברעג.
איך שווים מיט דער שיף און קוק אין וואַסער און
טראַכט:
וואָס טוט די לבנה דאָרט אין וואַסער ביינאַכט?...
אפשר ווייזט זי דעם וועג אויף צוריק,
ווען מען קען ניט דערגרייכן דעם אינדזל פון גליק...

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן שפּעטע בלומען
האָבן זיך אין שפּעטן האַרבסט צעבליט;
שיינט די זון, און פון איר הויכקייט
וואַרפט זי אירע גאָלדענע שטראַלן
אַראָפּ אויף זיי,
און זי צערטלט און זי גלעט.

קוקט דער אָנהייב פון דעם ווינטער
אויף די שפּעטע בלומען —
קוקט, און קוקט, און שפּאָט פון זיי.
ער צעפּייפט זיך מיט בייזע ווינטן,
און וואַרפט אַראָפּ דעם ערשטן שניי.

קוק איך אויף די פאַרשנייטע בלומען
און איך שפּיגל זיך אין זיי —
דאָס האַרץ איז פול מיט פרילינג בענקשאַפט,
און דער קאָפּ — באַדעקט מיט שניי.

דו ביסט געקומען

דו ביסט געקומען ווי אַ פרילינג־ווינט
און אַוועק ווי אַ פלאַם,
און איבערגעלאָזט פונקען אין אַש.
נאָר אַז איך וועל הערן
ריידן פון ליבשאַפט,
— וואו ס׳זאָל ניט זיין —
וועלן די פונקען
פלאַמען ווידער.
דער ווינט וועט צעטראָגן דאָס אַש
אויף קוסט און אויף בלום,
און מיר ברענגען צוריק
די דערינערונג פון אַ טרוים.

די פרייד פון ליבע

וויגט דער ווינט
סודותדיקע וועלעכלעך;
וועקט די פרייד
אין מיין האַרצן באַגערעלעך;
באַגערן שטורעמען אויף,
און שטילן זיך איין;
אַמאָל ברענגען זיי מיר פרייד,
נאָר אָפטער, אוי, בלויז פיין!

סודותדיקער, דו!

שווייגנדיקער, סודותדיקער דו —
האָסט זיך שווייגנדיק
אין מיין האַרץ אַריינגעריסן,
מיין רו געשטערט,
און מער און מער —
מיין האַרץ פאַרצערט.

מיט וואָס פאַר אַ כישוף פאַנגסטו דיין קרבן ?
דו בלייבסט א סוד פאַר מיר ;
איך ווייס ניט פאַר וואָס דו שווייגסט
ווען איך רייד צו דיר —
אפשר, אפשר ביסטו גאָר
פון נקמה דער גייסט ?
געקומען צו פייניקן מיך
פאַר חלומות, וואָס בלאָנדזשען אַרום,
ווי שאָטנס שטום ?

דעמאָלט איז צו קליין די שטראָף,
פאַר אַזוי פיל טעג
וואָס איך האָב אין שאָטנס פאַרקערט,

פאַר אַזוי פיל נעכט
וואָס איך האָב מיט
חלומות פאַרצערט —
צו קליין די שטראָף!...

אפשר ביסטו גאָר אָן אַ נאָמען —
אַזוי ווי לאָהענגרין,
פון אַ הייליק לאַנד געקומען
צו נעמען די נשמה אַהין —
טאָ נעם מיך, און טראָג מיך אַהין
און גיב מיר שוין רו,
נאָר זאָג מיר, ווער ביסטו,
דו סודותדיקער דו!

ווען דו וועסט אַמאָל...

ווען דו וועסט אַמאָל
אין אַ זומערדיקן טאָג,
ערגעץ פון אַ הויכן באַרג
באַגלייטן אַ זון־פאַרגאַנג, —
וועסטו זען ווי פון דער זון אַ שטראַל
טונקט אַן אָנגעצונדענעם טראָפן
פון דעם טייכל אין טאָל —
וואו דו, ווי מיט די כוואַליעס דער ווינט,
האָסט זיך מיט מיין האַרץ געשפילט.

צוויי טרערן

צו מיין טאָכטער, פראַדל

ווען עס ווערט מיר אַמאָל
מיין האַרץ מיט אומעט פול,
שפּיל איך זיך מיט מיין בלאָנד מיידעלע:
מיר זעצן זיך ביידע אויפן דיל
און עס הייבט זיך אָן
די קינדער־שפּיל...
זי איז אַ מאַמעלע
און איך בין אַ קינד.
זי איז ריין ווי אַ מלאכל,
און איך, פול מיט זינד...
זי זאָגט מיר ווי אַ מאַמע אָן
איך זאָל זיין אַ גוט קינד —
וועט זי אירע אַרבעט טאָן
און אויפרוימען געשווינד,
וועלן מיר שפּאַצירן גיין
קויפן קליידלעך — ניי און שיין...

בלייב איך זיצן שטיל,
ווי די מאַמע הייסט,
און דער אומעט טוט מיין האַרץ
אין שטיקער רייסן...

פלוצלונג צעוויין איך זיך,
ווי אַ קינד טוט וויינען —
רינט אַ טרער: —
— מאַ, מאַ, איך וויל אַ „טעדי־בער“!
זי צעלאַכט זיך לוסטיק
איבער מיין קינדערשן באַגער,
און פון איר ריין געלעכטערל
באַווייזט זיך אויך אין אירע אייגעלעך אַ טרער...

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט צי וועל איך נאָך האָבן דאָס גליק
דיך נאָך אַמאָל זען,
צו הערן דיין קלאַפּ אין מיין טיר.
נאָר ביז וואַנען מיין האַרץ
וועט קלאַפּן אין מיר,
וועל איך בעטן פאַר דיר
אַז דו זאָלסט פון מיין —
פּיין ניט וויסן.
ס'איז גענוג —
אַז איין האַרץ איז צעריסן.

אַ יעגער

אַ יעגער מיד פון זיין יאָגן זיך מיט זיין געווער,
האָט אין די שאָטנס פון אַ בעריאָזע בוים
אַ דרעמל געכאַפּט.
און אָט זעט ער דורכן וועלדל,
צום ברעג פון אַ טייכל
אַ טייבעלע קומט צו שוועבן,
שטייט ער שוין אונטערן בוים
און קוקט מיט אַ שמייכל —
ווי דאָס טייבעלע צום וואַסער פליט,
אירע פליגל פון זון באַגילדט —
זי ווייס נעבעך ניט,
אַז אַ יעגער אויף איר צילט...

פ אָ ל ק ס ט י מ ל ע ך

פאַר אַ קליין לעמפּעלע
זיץ איך מיר און ניי —
כ׳ניי אַ תפילין זעקעלע
מיט זיידנס אַלערליי;
אַ פייגעלע מיט פליגעלעך
ניי איך אויף אים אויס —
כ׳זאָל שיקן מיטן פייגעלע
צום חתן אַ גרוס.

מסתמא איז אַזוי באַשערט...

די מאַמע טוט ביי מיר פרעגן :
פאַרוואָס איך בין אַזוי באַטריבט ?
אוי, ווי קאָן איך איר זאָגן
אַז איך בין אין אַ בחורל פאַרליבט.

פאַרליבט בין איך אין איינעם,
וואָס ער איז מיך ניט ווערט, —
זאָגן קאָן איך ניט פאַר קיינעם,
מסתמא איז אַזוי באַשערט.

אין פאָלקס־טאָן

וואָס ווילסטו מאַמע, האָבן
וואָס מוטשעסטו דיין קינד ?
וואָס ווילסטן מיך באַגראָבן
אין וואָס באַשטייט מיין זינד ?

אַז דו וואָלסט, מאַמע, וויסן
ווי מיר איז ניט גוט,
וואָלסטו ניט פאַרגאָסן
ווי וואַסער, מיין בלוט.

וואו נעם איך אַזאַ פריינד,
מיינע יסורים צו דערציילן ?
וואו נעם איך אַזאַ דאָקטער
מיינע וואונדן צו היילן ?

וואו ביסטו, מיין נחמה ?
געוואַלד, גיכער, גיכער זאָג !
דו ביסט דאָך מיין נשמה
ביינאַכט און בייטאָג.

קום, מיין ליבסטער פריינד
כאָטש אויף אַ קליינער שעה —
אַלע האָבן מיך דאָ פיינט —
און דו ביסט אַלץ ניטאָ !

קינדער

מאָטעלע, און זעליקל
שטיפערלעך צוויי,
קוקן זיי אין פענצטערל
צי עס גייט אַ שניי.

נאָר די קליינע עטעלע
זי האָט פיינט אַ שניי.
ליגט זי אין איר בעטעלע
און זי לאַכט פון זיי.

מאָטעלע און זעליקל
האָבן שליטעלעך צוויי —
וואַרטן זיי פאַרבענקטערהייט,
עס זאָל גיין אַ שניי.

אָבער קליינע עטעלע
האָט אַ ליאַלקע שיין —
זאָגט די ליאַלקע — „מאַ״, —
זי וויל שפּאַצירן גיין.

אין האַרצן ברענט אַ פייער

אינעם הערצעלע ברענט אַ פייערל
און אין הויז איז קאַלט —
אוןביים פענצטערל זיצט אַ מיידל
און זי וואַרט און וואַרט...
קלאַפּט דער וואַנט־זייגער יעדע שטונדעלע
ווען דער ווייזער קומט —
און נאָך שטאַרקער קלאַפּט דאָס הערצעלע:
באַלד אָ באַלד, ער קומט!
גייען שטונדעלעך,
לויפן טעגעלעך פאַרביי —
און ביים פענצטערל וואַרט דאָס מיידעלע:
— איי — איי איי!..

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן ווי אַ שומר
שטייט אַן אַלטער בוים
איינגעוואָרצלט אין דער ערד.
אויף די צווייגן פון דעם בוים
האָבן פייגעלעך אַ נעסט.
קומט אַ פייגעלע צו מיין פענצטער
טווי־טווי־טווי, ווי זי וואָלט זאָגן:
— אַ גוט־מאָרגן דיר!

גיב איך ברעקלעך ברויט,
פּיק, פּיק, און זי פליט אַוועק.
און ווי פאַר אַ דאַנק —
צעזינגט זי זיך אויף אַ צווייג.

שנײ

און עס פֿאַלט, און פֿאַלט
דער ערשטער שנײ...
אַרום די אויגן
האָבן זיך
וואָלקנדלעך פֿאַרצויגן,
און אויסגעלאָשן דאָס פֿייער
פֿון די ברוינע אויגן.
און דער שטאָלצער קאָפּ
האָט זיך אַלץ מער געבויגן —
שטאַרקער פֿאַלט מײַן וויי —
פֿאַלט און פֿאַלט דער שנײ.

אַ שטיקל פּאַפּיר

איך האָב מיט אַ שמייכל באַגלייט דיך צום טיר
געוואָלט האָב איך עפּעס ריידן צו דיר —
און דאָך זאָגן ניט געקאָנט
כאָטש די ליפּן מיינע האָבן געשמייכלט,
האָט דאָס האַרץ געוויינט.
האָב איך דאָס ניט דערזאָגטע
אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר,
און מיטגעגעבן דיר.

דו האָסט דאָס שטיקל פּאַפּיר
אין דיין האַנט געקנייטשט און געקנייטשט,
און מיט שפּאָט געקוקט אויף מיר;
דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען און ניט געגלויבט
און מיטן צעקנייטשטן שטיקל פּאַפּיר —
ניט געעפנטן —
אַוועק פון מיין טיר.

דיין שווייגן

צי ווילסטו מיט דיין שווייגן
מיר, די ליידן פאַרמיידן ?
נאָר וואָס לענגער דיין שווייגן
נייגט זיך —
אַלץ נידעריקער מיין קאָפּ
בייגט זיך. . .

איך גיי אַרום פאַרחלומט בייטאָג
און בין וואַכנדיק ביינאַכט. —
און וואו איך זאָל ניט גיין
גייסטו מיט אומעטום ;
נאָר דו ביסט —
ווי מיין שאָטן שטום.

אַ בליק...

אויב מיין קאַמף איז אָן אַ זיג,
פאַרוויג איך מיין חלום
אין מיין האַרץ צוריק,
ווי מיין מאַמע מיך אין וויג.

וויג איך דאָס וויגעלע אַהער
פאַלט פון אויג אַ טרער...
פאַלט גאָר די טרער אַראָפּ
אויף מיין חלומות־קאָפּ.

וויג איך דאָס וויגעלע אַהין
איז דאָרטן אַ בין, —
האָט ער האָניק זיס,
נאָר ס׳טוט וויי זיין ביס.

וואַכט דער חלום אויף
און קוקט צו מיר אַרויף, —
אָט דער דאָזיקער בליק,
איז בעסער נאָך פון גליק.

איך האָב דיך באַגלייט

איך האָב דיך באַגלייט צו דער טיר
און מיט אַ בליק אַ שטומען
געבעטן מער צו מיר ניט קומען.
דו האָסט ניט געפרעגט וואָרום,
נאָר ביסט געשטאַנען ווי אַ שאָטן שטום;
דו האָסט זיך געזעגנט מיט אַ בליק,
און ביסט פון טיר אַוועק...

איך בין געלאָפן צום פענצטער
רופן דיך צוריק, —
מיט טרערן אין די אויגן
האָבן זיך מיינע קני געבייגט צום דיל.
האָבן מיינע ליפּן געשעפּטשעט שטיל —
קום, אַ, קום צו מיר, מיין פריינד, צוריק!
נעם אַוועק פון מיר דיין לעצטן בליק!

טרוים אין שטורעם...

טרוים אין שטורעם, האַרץ, נשמה,
וואַרט ניט אויף קיין רו;
טרוים ווי לאַנג עס איז נאָך צייט,
ווייל שפּעטער! אַך, דער שפּעטער —
שפּעטער איז דאָך קיינמאָל — היינט...
אויך דער זומער, ווי דער פרילינג
וועט שוין באַלד פאַרגיין —
וואָס דער האַרבסט וועט ברענגען,
ווייס נאָר גאָט אַליין...

איך פאַרוויג אַ חלום

(וואַריאַנט)

איך פאַרוויג מיין חלום אין האַרצן,
ווי אַ מאַמע פאַרוויגט אַ קינד אין וויג.
וויג איך דאָס וויגעלע אַהין —
איז דאָרטן אַ בין,
האָט ער האָניק זיס,
נאָר ס׳טוט ווי דער ביס...

וויג איך דאָס וויגעלע אַהער —
פאַלט פון אויג אַ טרער;
פאַלט די טרער אַראָפּ
אויף מיין חלומס קאָפּ;
וואַכט דער חלום אויף
און קוקט צו מיר אַרויף, —
איז אפשר אָט דער איין בליק
נאָך זוניקער פון גליק!...

אַ קאַפּריזנער באַגער

אין די שאָטנס פון אַ בעריאָזע־בוים
איז אַ מיידל געזעסן.
זי האָט פון אים געטראַכט
און אָן דער גאַנצער וועלט פאַרגעסן.
מיט אים באַנאַנד
איז זי אַוועקגעפלויגן אין חלום־לאַנד.
האָט זיך חלום־לאַנד
אין פייער איינגעהילט
און דער מיידלס האַרץ
מיט באַגערן אָנגעפילט.

באַגערן ווערן פאַרברענט
אין אייגענעם פייער...
נאָר איין באַגער
האָט זיך פאַרקאַפּריזעוועט
אַז פון דעם באַגער

זאָל דאָס בחורל וויסן...
האָט זי פון דעם בעריאָזע־בוים
די הויט אַראָפּגעריסן
און זי האָט דעם באַגער
אויף דער הויט פאַרשריבן —
אַן אַראָפּגעריסענע —
וועט זי אים אייביק אייביק ליבן.

פרילינג

דער פרילינג האָט אין מיין גאָרטן
די ביימער מיט גרינע בלעטער באַפּוצט;
די זון האָט מיין גאָרטן
מיט גאָלדענע שטראַלן באַשטראַלט.
האָט אַ שטראַל מיט אַ קנאָספּ זיך צעקושט;
די פייגעלעך אויף די צווייגן
האָבן זיך פון דעם סוד דערוואוסט
און די סודות אויסגעזונגען...

מוטערס-טאָג

דער פרימאָרגן איז געווען פאַרוואָלקנט,
אַזוי ווי פאַר אַ רעגן.
מיט אַ מאָל איז די זון אַרויס, געשמייכלט —
פאַר דער מאַמעס וועגן...

— „קינדערלעך" — ווי די זון וואָלט זאָגן —
„היינט איז מאַמעס טאָג,
דאַרף מען איר בלומען ברענגען
בלומען שענקען!
לויפט אין פעלד די בלומען קלייבן
אירע זאָרגן צו פאַרטרייבן".

האָבן זיך די קינדערלעך,
אין קאָלירטע קליידעלעך,
איבער די פעלדער צעשפרייט.
זיי קלייבן פאַר דער מאַמען בלימעלעך —
מיט בלענדנדיקער פרייד.

נאָר דו, מיין האַרץ...

ווי אַ ליבער, גוטער גאַסט,
איז געקומען דער פרילינג
און האָט דיביימער געבראַכט
קנאָספּעלעך מיט בליאונג.

פון די וואַרעמע לענדער
זיינען די פייגעלעך געקומען צו פליען,
אין גאָרטן, אונטער מיין פענצטער
די געלינקע „דעפאַדילס" בליען.

נאָר דו, מיין האַרץ
בלייבסט אָן בלי, אָן געזאַנגען;
און דאָס אייז פון מיין האַרץ
איז נאָך אַלץ ניט צעגאַנגען!

צום קאַפּיטאַן פון מיין זעל

האָסט אָנגעלאָדן מיין נשמה
מיט באַגייסטערטער פאַרערונג,
און מיט אומרו —
אַזוי ווי אַ זעגל שיף, מיט דעם מאַסט —
האָסטו זיך געלאָזט מיט איר שווימען,
צום לאַנד פון חלומות.
איז אַ שטורעם געקומען אַנטקעגן
און דער ווינט האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד...
האָסטו ווי אַ געניטער קאַפּיטאַן,
אומגעקערט די שיף אויף צוריק,
צוריק צו איר אייגענער בריק.
האָט דער ים אָנגעפאַנגען שטורעמען מער,
האָסטו דערנאָך די שיף איבערגעלאָזט אין שטורעם —
אַליין אין נעפּל שטיין
און געלאָזט זיך שווימען אַליין
צום ברעג.

אַ מיידל חלומט

— ווער בין איך ? אַ פאַרבלאָנדזשעטע פּרינצעסין :
— און דו ? אָ, ריטער, האָסטו דען אָן מיר פאַרגעסן ?
חלום איך חלומות —
...אַז דו וועסט מיט דער גיטאַרע אונטערן אָרעם
צו מיין פענצטער קומען זינגען,
וועל איך דעמאָלט אין מיין צימער מאַכן פינצטער
וועסטו שוין פאַרשטיין —
ווי העל עס ברענט
דאָס פייער וואָס דו האָסט אין מיין האַרצן
אָנגעצונדן ;
איך וועל דאָס פענצטער אויפמאַכן ברייט,
און וועל די אויגן פאַרמאַכן
איך זאָל דיין בלאָס געזיכט
נאָך בעסער קאָנען זען.
וועל זיך שטיל צו דיין ליד צוהערן
און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ וואַרטן, וואַרטן,
ביז דו וועסט די מעלאָדיע פאַרענדיקן —
און דעמאָלט —

מיין פרינץ, מיין ריטער —
מיין גוטער היטער!...
האָב איך לאַנג אויף דיר געוואַרט
געחלומט, געטרוימט —
נאָר דו ביסט ניט געקומען.
וואָס זאָל איך מיט מיין יונגער פרייד איצט טאָן,
ווי קען זי אין האַרץ פאַרשטומען?...

די אַלטע מאַמע

אַ קינד האָט איר מוטער
בלומען געבראַכט.
קושט די מוטער איר קינדס האַנט
און אַ טרער
אויף די בלומען פאַלט.

— וואָס וויינסטו, מאַמע? זיינען
בלומען דען צום וויינען?
— ניין, ניין, מיין קינד,
נאָר די טרער שיק איך — אַ מתנה —
— צו וועמען?
— אויך צו אַ מאַמען;
„דו האָסט אַ מאַמע און איך
האָב אויך אַ מאַמע;
מיין מאַמע איז וויט, וויט,
מיין מאַמע איז אַלט, אַלט;
איך ווייס ס׳איז איר אומעטיק

איך ווייס ס׳איז איר קאַלט;
זיצט זי ערגעץ געבויגן
און קוקט מיט טרערן
אין דער ווייטקייט אַריין —
מיט אַ טרויער אַ שטומען —
ווי איך אויף די בלומען...
ווייס איך —
זי וועט שוין צו מיר ניט קומען״.

די באָבע און דאָס אייניקל

— באָבעניו, איך ווייס ניט
וואָס מיט מיין ליאַלקע
איז דער מער?
צי עס טוט איר ווי דאָס בייכעלע,
צי אַ ציינדעלע שניידט זיך איר שווער —
אַ גאַנצן טאָג מאַכט זיך איר
דאָס מיילכעלע ניט צו, —
און ביינאַכט איז
אויך פון איר ניטאָ קיין רו.

— באָבעניו, נעם דאָס ליאַלקע־קינד
כאָטש אַ ווײַלע אויף דיין שויס,
איך בין שוין אַזוי מיד
אפשר וועסטו זי פאַרוויגן,
זינגענדיק אַ ליד.
— געוויס, געוויס
מיט באָבעס אַ לידעלע שלאָפט זיך אַזוי זיס.

דאָס מיידעלע פּלאַפּלט, רעדט
און שפּרינגט — אַהין־צוריק.
דער באָבעס מילדער בליק
איז ערגעץ ווייט פאַרפלויגן ;
די קוקט פאַרחלומט אויף צוריק.

נאָר פּלוצלונג הויבן אָן דער באָבעס אויגן
קינדעריש שטראַלן.
אויף עפּעס געפאַלן איז איר בליק ;
אַ שמייכל שוועבט אויף באָבעס אַלטע ליפּן,
די באָבע ווערט אַ קינד צוריק.
דערציילט זי שיינע מעשהלעך
פון קינדערשע שפּילערייען,
פון אַ נעסט מיט ווייסע טייבעלעך,
פון אַ הון וואָס האָט געלייגט אַ גאָלדן איי.
און דאָס אייניקל, הערט זיך געשפּאַנט איין,
נאָר אין מיטן פון די שיינע מעשהלעך —
שלאָפן ביידע קינדער איין.

איך גיי אין חדר אָנגעלאָדן

איך גיי אין חדר, אָנגעלאָדן —
אין איין קעשענע אַ בייגל
אין דער צווייטער ליגט אַ פלאָדן.
גיי איך פאַרביי וואו דער שייגעץ וואַסיל
פאָרט פון שניי־באַרג אַראָפּ מיטן שליטל.
זאָג איך צום שייגעץ וואַסיל:
— נאַ־דיר מיין בייגל מיטן פלאדן,
און לאָז מיך פון באַרג מיטן שליטל
אַראָפּפאָרן.
פאָר איך מיט פרייד
פון באַרג אַראָפּ מיטן שליטל,
די קינדער לויפן פריילעך נאָך,
דאָס גלעקל קלינגט — דינג, דינג, דינג, —
ווער איז צו מיר גלייך?
דאָס שליטל לויפט גאַלאָפּ
ביז צום פאַרפראָרענעם טייך.
און דער שייגעץ לויפט מיר נאָך
און קייט דעם פלאָדן...
גיי איך אין חדר — אָנגעלאָדן.

די באַלאַדע פון דער
קאָרןשניטערין

די באַלאַדע פון דער קאָרן־שניטערין

געשניטן האָט מאַרוסיע דעם קאָרן מיט געזאַנג
און עמעצער האָט אַ קאָסע געשאַרפט אויפן לאַנד;
האָט פון שאַרפן די קאָסע דער קלאַנג
זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט מאַרוסיעס געזאַנג.

ווער עס שאַרפט די קאָסע האָט מאַרוסיע געוואוסט,
דאָס קאָסעט היי אויפן לאַנד איר ליבער וואַסיל —
האָט זי זיך צו אים גיין געלאָזט
און געזונגען אַ לידל: — היי־די־דא־דיל.

דערהערט וואַסיל מאַרוסיעס געזאַנג,
און ער קוקט זיך אַרום —
דערזעט ער דאָס פּייער — אויגן צוויי,
איז, כאַפּט ער, וואַסיל, מאַרוסיען אַרום,
און שלעפּט זי צו זיך אין דעם היי.

מאַרוסיע איז אָבער אי יונג, אי שטאַרק,
דערצו נאָך איז זי אי בויגזאַם, אי פלינק,
לאָזט זי זיך לויפן צוריק,
ווי אַ יונגע ציג...

לויפט וואַסיל איר נאָך
און קאָן זי ניט דערכאַפּן,
באַהאַלט זיך מאַרוסיע פון אים
אין דעם הויכן קאָרן.

זוכט זי וואַסיל — העי, מאַרוסיע, וואו ביסטו ?
און אין הייסן שפּאָס — האָט זי איר טוגנט פאַרלוירן.
זיצט מאַרוסיע און וויינט —
וואָס וועט מען איצט זאָגן ?

שטילט וואַסיל צערטלעך זי איין :
— ניט וויין, דו ליבע מיינע —
דו דאַרפסט דער מאַמען ניט זאָגן —
איך וועל מיט דיר חתונה האָבן.

דער ווינט וואָס האָט
דעם צוזאָג געהערט
האָט געלאַכט און געלאַכט,
און צום וואַלד זיך געקערט.

שניידט ווידער שוין מאַרוסיע דעם קאָרן,
און סנאָפּקעלעך בינדט ;
און פון האָפּענונגען צוזאַמען מיט קאָרן זאַנגען —
אַ קרענצעלע פלעכט.

אין האַרבסט האָט מאַרוסיע
דעם לײַן פון פעלד צונויפגענומען —
און דעם לײַן געווייקט און געטריקנט,

און דעם לײַן אַזױ לאַנג געקלאַפּט
ביז זי האָט דעם לײַן
װײך, װי זײַד געמאַכט.

דאַן האָט זי דעם לײַן געקאַמט
מיט אַ הילצערן קעמל
װי אַ מאַמע קאַמט די לאָקן
פֿון אַ מײדלס קעפּל, —
און מיט אַ שמײכל
האָט מאַרוסיע דעם לײַן געגלעט.

דער װינט װאָס האָט
דעם צוזאָג געהערט, האָט געװאוסט
פֿאַרװאָס מאַרוסיע שמײכלט —
און װאָס זי באַהאַלט אונטער איר ברוסט.

אין אַ װינטער־אָװנט
האָט מאַרוסיע דעם לײַן געשפּונען
און אַ גאָלדענעם חלום געװעבט —
אָט באַלד װעט קומען דער גליקלעכער אָװנט

ווען אונטער דעם פענצטער וועט זיך דערהערן
וואַסילס גוט־אָוונט צום „סוואַט״:
— „גיב פּאָטערל, דיין מאַרוסיע
פֿאַר אַ ווייב מיר אָפּ
זי, וואָס באַשערט איז מיר פֿון גאָט!

דער ווינט וואָס האָט דעם צוזאָג געהערט,
האָט אין די לאָדנס געקלאַפּט,
און האָט מאַרוסיען די בשורה געבראַכט:
אַז וואַסיל איז אין „סוואַטעס״ אַוועק*)
צו אירער אַ חברטע איבערן וועג...

אין אַ פֿרילינג־נאַכט
פֿון לבנה און שטערן באַוואַכט —
האָט אין קאָרן־פֿעלד
זיך אַ שלוכצן געהערט:
אַ מאַמע געבויגן, האָט אַ קינד
פֿון איר ברוסט אָפּגעריסן
און איבערגעלאָזן אין פֿעלד.

*) „סוואַטעס״ מיינט שדכנען זיך.

דער קליינער וואַסיליאָק
האָט מיט די ליפּעלעך עפּעס געזוכט.

און דער ווינט, וואָס האָט
פון דעם צוזאָג געלאַכט
האָט קאָרן־גרעזעלעך
דעם קינד אין מיילעכל געשטופּט,
און די קאָרן גרעזעלעך
האָבן אים געשטיקט און פאַרשטיקט.

נאָר דאָס פעלד האָט זיך באַלד אין פרילינג דערוואַכט
מיט שיינע וואַסילקעס*) זיך ליכטיק צעבליט,
געבליט און געלאַכט.

*) וואַסילקעס איז אַ בלימל אַזאַ.

אַ פּאָר־פּאָלק

הומאָריסטישע באַלאַדע

אַ פּאָר־פּאָלק

די ערשטע חתונה איז אַ הימלישע!
דער ערשטער חודש איז האָניק, —
פליט מען צום האָניק־חודש אויף פליגלען.
צוריק אָבער גייט מען שוין אַראָפּ לאַנגזאַם,
מיט די טרעפּלעך פון דער צייט.
אַזוי גייט מען מיט די טרעפּלעך יאָר נאָך יאָר,
ביז מען קומט אויפן פינפטן טרעפּל, — 5 יאָר!...
מע שטעלט זיך אַ ווײַלע אָפּ: צו דער הילצערנער
חתונה —
פינף יאָר איז האָלץ, האָלץ איז גוט אויף פייער
איז אָבער דאָ פאַרשיידענע האָלץ,
(פאַרשיידענע חתונות).
אָט לאָמיר זאָגן אַזוי —
בעריאָזאָווע האָלץ, ברענט זייער גוט!
בלויז אַ שוועבעלע — אַ קוש פון דער יונגער ווײַבעלע,
איז גענוג דאָס האַרץ זאָל זיך צעברענען...
סאָסנאָווע האָלץ? דאַרף מען שוין מיט עפּעס
אונטערצינדן,
אַ בוקעט בלומען, אַ שאַכטל שאָקאָלאַד —
אָבער עס קאָן נאָך ברענען.
אָבער עס איז דאָ יאַלאָווע האָלץ וואָס ברענט זייער
שלעכט,
בלומען און שאָקאָלאַד קען שוין ניט מאַכן צו ברענען—

סיידן, סיידן אַ מינק־מאַנטעלע. אפשר ? האַ ?
אפשר וועט דאָס טאַקע אויפבלאָזן אַ פלאַם
צו דער הילצערנער חתונה !
מען קען פּרואוון, —
האָט איר דען אַן אַנדער עצה ?
נו, גייט מען ווייטער, טראָט נאָך טראָט, טרעפּ נאָך טרעפּ.
צענטער יאָר איז בלעך, דאָס הייסט אַ בלעכענע חתונה,
בלעך איז אַ מאָדנער שפּיגל.
ווען מען קוקט זיך צו צו בלעך,
קען מען זיך גאָר נישט דערקענען.
אָדער מען איז לאַנג און דאַר ווי אַ שפּאָן —
אָדער ברייטער ווי לענגער —
ער : אַ מויל פול מיט גרויסע ציין — אַ צאָן אויף אַ צאָן.
— עס דאַכט זיך, אַז איך בין גאָרנישט דער זעלבער בחור.
איך בין דאָך געווען אַ לעבנס־יונג !
און איצט ?
זי : — (פאַלט אַריין אין די מחשבות)
— און איך ? איך קען זיך גאָר ניט דערקענען !
געווען אַ שלאַנקע באַרישניע, אַ מאַמזעל — און וואָס ניט ?

און איצט ?
איך טו און טו — איין עצה, אַ צווייטע עצה,
אָבער וואָס איז די פּעולה? —
אַז עס בייגט זיך די פּלייצע!

אַזוי צי אַזוי —
מען גייט ווייטער — אַ ברירה האָט מען ?
שוין פופצן יאָר פאַרהייראַט.
וואָס מיינט דאָס ?
דאָס מיינט אַ קרישטאָלענע חתונה.
קרישטאָל איז דורכזיכטיק,
מע קען שוין קיין סוד ניט באַהאַלטן —
אַלץ איז דורכזיכטיק.
— וואו געווען אַזוי שפּעט ?
קרישטאָל זאָגט אַלץ אויס!
— ווער
מען, ווייבעלע, האָסטו גערופן באַגינען ?
קרישטאָל לאָזט ניט צו קיין ליגן.
גייט מען, גייט מען, טרעפט נאָך טרעפט —
שוין צוואַנציק יאָר!

די צוואַנציקסטע חתונה איז קופּער, קופּער איז שטאַרק!
איך וואָלט עס גערופן: אַ פאַרגעבונגס-חתונה.
מען הייבט שוין אָן פאַרגעבן איינער דעם אַנדערן —
זי: — נו, זאָל ער גיין שפּילן אַ קערטל, אַ דאגה
האָב איך!
ווער איך נעמען און רופן, די „גוירלס" שפּילן
מאַהזשאַן...

ער: — איך וויל דען אַוועקגיין? וואָס דען? עס איז
צו טומלדיק אין שטוב;
נאָר אפשר איז זי טאַקע גערעכט? איך וועל שוין
בעסער זיין מיט איר.
— איך פאַרגיב איר!...
קופּער — מען פאַרגיט איינער דעם אַנדערן.
און אַזוי פאַרגעבנדיק לייטערט זיך עס אויס צו
ביסלעך.
און עס ווערט ריינער זילבער!...

די זילבערנע חתונה, זעט איר, איז שוין גראדע
אַ גוטער שפּיגל!
זי קוקט זיך צו צו איר טעכטערל און זי שפּיגלט זיך
אין איר...
זי דערזעט זיך דורך איר אַליין ווי אין אַ שפּיגל:
— אָט, אָט אַזוי האָב איך אויסגעזען מיידלווייז.
זי גיט אַ שמייכל און אויך אַ זיפץ!
זילבער — אַ ריכטיקער שפּיגל...
זילבער —
ער קוקט און שפּיגלט זיך אין זיין זונדעלע —
— אוי, אַ טייער בחורל!
— דער טאַטע מיט די ביינער!

איצט גייט מען ניט לאַנגזאַם,
די צייט יאָגט שנעל —
מען שפּרינגט שוין אַ טרעפּל — אַריבער אַ טרעפּל...

דרייסיקסטע, — פינף־און־דרייסיק — זיי זיינען
צירונגס־חתונות.
אַ זון, אַן איידעם — אַ צירונג אויף אַ צירונג.
אַ טאָכטער — אַ דימענטענע נשמה,
אַ שנור — אַ שנירעלע פּערל;
און אייניקלעך — בריליאַנטן,
ניטאָ וואָס צו ריידן — —
צירונג, צירונג, צירונג!

פערציק און פינף און פערציק — ניט סתם צירונג,
נאָר רובינען —
נאָר אין רובינען ליגט געפאַר! (אַזוי זאָגט מען).
פאַרוואָס? גיי וויס! אָפּגעגאַנגען אַזאַ וועג און מיט
אַמאָל —
— געפאַר!
דאָס לעבן הייבט זיך אָן נאָך פערציק —
אַזוי זאָגן דערפאַרענע לייט,
אַזוי זאָגט די צייט.

ער דערזעט פּלוצלונג אַז זיין סעקרעטאַרשע איז גאָר
אַ בלאָנדינקע —
ניט געוואוסט ביז היינט!

זי — זי ווערט פלוצלונג פון פלאַטינום — בלאָנד!
דאָס איז אַליין אויך אפשר: געפאַר! היט זיך!
יאָגן זיך ביידע גאַלאָפּ —
צו דעריאָגן די אַמאָליקע יוגנט.
און מיט אַמאָל דערזעט מען — שוין פּופּציק,
די פּופּציקסטע חתונה!
— גאָלדענע חתונה!
בלייבט מען שטיין
און מען פרעגט זיך אַליין:
— נו, וואָס? טאַקע וואָס?
אין איין יאָר, דריי הונדערט מיט 65 טעג,
האָט מען צוזאַמען, הייסט עס, אָפּגעגעסן —
הערט נאָר הערט!
דריי הונדערט מיט 65 וועטשערעס!
אַז מען זאָל צו איין יאָר דערצו צורעכענען פרישטיקס,
אָנבייסנס —
ווערט עס דאָך אַ גרויסער חשבון!
געכפּלט אויף פופציק —
פאַר מיר איז דער חשבון שוין אַ צו גרויסער —
איר הערט!
אויב מען האָט אפילו זיך אָפּגעקושט באַנאַנד
דריי הונדערט מיט 65 טעג —
יעדן יאָר און אַלע יאָר —

איז מען אויך ווערט אַ גאָלדענעם מעדאַל,
דערפאַר הייסט עס: אַ גאָלדענע חתונה.
— נו, וואָס, טאַקע וואָס?
און די פופציק, — ווי אַלץ —
אויך דאָס וועט פאַרגיין —
און דערנאָך
דאָס ווייסט שוין גאָט אַליין.

איי־לע־לין־לין . . .

— אי־לע־לו־לו —
יע און ניט —
כ׳בין אַוועק
מיט פֿאַלשע טריט.
ווייניק רו —
אַזויפֿיל שרעק,
און מיין לעבן איז אַוועק.

זכרונות און דערציילונגען

רייזל — קרייזל

פֿרייטיק איז רייזעלע געקומען צו דער באָבען נאָך אין דער פֿרי. רייזעלע האָט זייער ליב צו זען ווי די באָבע פֿלעכט אויס פֿון חלה־טייג אַ קיטקע. דער באָבעס קיטקע האָט אַ שם, אַלע שכנים באַוואונדערן דער באָבעס געפֿלאָכ־טענע קיטקע אין אַכט פֿלעכטן. אַ קלייניקייט — דער באָבעס קיטקע! אויך משהלעס חלה פֿלעכט די באָבע אויס זייער שיין. משהלע דאַרף דאָך קידוש מאַכן.

פֿאַר רייזעלען מאַכט די באָבע פֿון דעם לעצטן טייג אויס אַ פֿייגעלע מיט פֿליגעלעך. זי טוט אַריין צוויי ראָזשינקעס פֿאַר אויגן און מאַכט דעם פֿייגעלע אַ פּיפּטש, פּונקט ווי ביי אַן אמתן פֿייגעלע. עס דוכט זיך: אָט, אָט, און דאָס פֿייגעלע וועט אַוועקפֿליען.

נאָר אַז דאָס פֿייגעלע באַקט זיך אויס איז דאָס גאָרנישט ענלעך צו אַ פֿייגעלע. ווייל דער באָבעס חלה־טייג איז זייער געראָטן, וואַקסט דאָס פֿייגעלע אויס גרויס און דער פּיפּטש מיט די אייגעלעך ווערן איין שטיק! דאַן נעמט דער שטיפֿער משהלע און פֿאַרריכט עס כלומרשט נאָך אַ ביסל, ווערט פֿון דעם פֿייגעלע — אַ מייזעלע. ניטאָ מער אינגאַנצן קיין פֿלי־געלעך. ער רייצט זיך מיט איר: נישט קיין פֿייגעלע נאָר אַ מייזעלע...

— פֿייגעלע — מייזעלע,\
מייזעלע — הייזעלע\
הייזעלע — רייזעלע\
רייזעלע — קרייזעלע.

עס דערנעמט רייזעלען ביז טרערן. רייזעלע וואָלט זיך שוין מיט אים אָפּגערעכנט דערפֿאַר, איז אָבער משהלע אַ יתום, און אַ יתום טאָר מען ניט שלאָגן, זאָגט די באָבע. אָבער מסרן דער באָבען מעג מען דאָך. לויפֿט רייזעלע צו דער באָבע און מסרט אָן אויף משהן: — „ער רופֿט מיך מייזעלע!".

זאָגט די באָבע: — איי, איי, משה שטיפֿער האָט זיך מיט דיר ווידער שוין געררייצט? קינדעלע, קינדעלע מיינס, אַ דאגה האָסטו דיר, זאָל ער ריידן, משהלע איז אַ שטיפֿער, אַלע ייִנגלעך זיינען שטיפֿערס. אָבער דערפֿאַר, פֿאַרציט די באָבע, קאָן משהלע גוט לערנען און ער איז דיין קוזין, און ער האָט ניט קיין מאַמען, דאַרפֿסטו אים פֿאַרשווייגן. מערצעשעם, אַז איר וועט ביידע אויסוואַקסן און משה וועט קאָנען נאָך מער לערנען וועט ער זיין דיין חתן. אוי, וועט עס אים דאַן פֿאַרדריסן וואָס ער האָט זיך מיט דיר געררייצט איבערן פֿייגעלע וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר אַ מייזעלע! שאַט, שאַט, איך וועל דיר איבעראַכטאָג פֿרייטיק אויסבאַקן אַ פֿייגעלע, וועט עס שוין זיין איין מאָל אַ פֿייגעלע! און אַצינד גיי, מיין קינד, שייער אוים די לייכטערס אויף שבת, ווערסטו האָבן אַ מצווה, און דו, משה שטיפֿער, קום נאָר אַהער, גיי, זיי מעביר די סדרה וועט זיין בעסער ווי צו רייצן זיך מיט רייזעלען".

רייזעלע נעמט אַראָפּ די לייכטערס פֿון אַלמער און טראָגט זיי אויפֿן פֿריזבע וואו עס איז אָנגעשאָטן געל זאַמד. זי שייערט די לייכטערס פֿלייסיק, שטעלט זיי אויף אַ ברעטל און זיי שפּיגלען און שיינען קעגן דער זון. די פֿענצטער פֿון שטוב זיינען אָפֿן און ביים פֿענצטער זיצט משהלע און איז מעביר די סדרה מיט אַ זים קולעכל וואָס הערט זיך איבער דעם גאַנצן געסל. און רייזעלע האָט אַזוי ליב צו הערן ווי משהלע לערנט, זי ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס עס ווילט זיך איר אַזוי ווי צו ווייגען ווען זי הערט אים לערנען אויפֿן קול. זי פֿאַרגעסט אַלע זיינע עבירות.

דאָס מייזעלע ווערט ביי איר אין געדאַנק ווידער אַ פייגעלע... אַ פייגעלע, אַ פייגעלע!

רייזעלע פילט אַז זי אַליין הויבט זיך אויף הויך, און זי פליט צוזאַמען מיט משהלעס ניגון... זי פליט צו אַן אַנדער וועלט. רייזעלע שטעלט זיך פאָר אַז דאָס מוז זיין דער גן־עדן, וואו משהלעס מאַמע זיצט. און אַזוי חלומענדיק באַמערקט זי גאָרניט ווי זי האָט שוין אויסגעשייערט די לייכטערס און זיי שטייען שוין אויף דעם ברעטל און די זון שפּיגלט זיך אין זיי. ווער ווייס ווי לאַנג רייזעלע וואָלט נאָך געזעסן פאַרטיפט אין אירע חלומות, ווען דער זיידע וואָלט ניט צוגעקומען און געפרעגט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, רייזעלע?

די באָבע האָט דערהערט פון דער אָפענער טיר וואָס דער זיידע האָט געפרעגט, און זי איז באַלד אַרוים: — „וואָס איז רייזעלע?" און ענטפערט אַליין: — :מסתמא אַ בייז אויג", און זי לייגט צו איר מויל צו רייזעלעס שטערן און שפּייט דריי מאָל אוים — „טפו, טפו, טפו!"

דער זיידע פרעגט: „נו, רייזל, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין פייגעלע, האָט זיך עס איינגעגעבן דאָס מאָל?" ער טוט איר אַ קניפּ אין בעקל, און לאָזט זיך גיין אין שטוב. ער באַגעגנט משהן אין טיר און גיט אים אויך אַ קניפּ אין בעקל: — „ביסט שוין איינמאָל אַ משהלע!"

די באָבע קומט: — „נו, איצט קינדערלעך, גייט ברענגט פאַר דער באָבע אַן עמער וואַסער, פון גלחס ברונעם, אויף טיי און טשאָלנט, וועט איר ביידע האָבן אַ מצווה, פאַר אַלץ וואָס מע טוט אויף שבת האָט מען אַ מצווה".

משה איז אפילו ניט קיין גרויסער בעלן צו טראָגן וואַסער, נאָר דער באָבען מוז מען פאָלגן.

משה נעמט דעם קאַראַמיסל*) מיטן לײדיקן עמער. דעם עמער טוט ער צורוקן צום סאַמע מיטן פון קאַראַמיסל, בײ אײן ברעג קאַראַמיסל האַלט ער, און בײם צװײטן ברעג — רײזעלע.

צום ברונעם, גײענדיק מיט אַ לײדיקן עמער, איז זײער גרינג, אָבער צוריק אַז דער עמער איז פול מיט װאַסער איז שױן שװער. איבערהױפּט פאַר רײזעלען. װײל משה איז על־טער און אױך העכער פאַר רײזעלען רוקט זיך דער עמער־װאַסער אַראָפּ און אַראָפּ צו רײזעלעס זײט, װערט איר שױן גאָר שװער און דאָס װאַסער גיסט זיך אױף אירע פּיס. שטעלט זי זיך אָפּ: — „זע, האָסט צוגענומען דעם גאַנצן שטעקן, ס'איז מיר שװער, איך װיל ניט אַזױ".

זאָגט משה: — „װײסט װאָס, גיב מיר אָפּ דײן האַלבע מצוה װעל איך דיר געבן דעם גאַנצן שטעקן, און איך װעל דעם עמער צובינדן אַרום מײן ברעג"...

— נײן איך װיל ניט, מען טאָר ניט פאַרקױפן קײן מצוה.

— װער זאָגט דאָס דיר, אַז מען טאָר ניט, קרימט משה איר איבער, מען טאָר ניט פאַרקױפן אַ גאַנצע מצוה, אָבער דו האָסט דאָך בלױז אַ האַלבע מצוה. איך האָב דאָס װאַסער אַרױסגעצױגן פון ברונעם, איז מײן חלק סײ־װי אַ גרעסערער. שאַ, װײסט װאָס, זאָגט משה: — גיב מיר צװײ מעשענע קנעפּ־לעך װעל איך דיר אָפּגעבן מײן האַלבע מצוה, און איך װעל נאָך דיר אָפּגעבן דעם גאַנצן שטעקן. איך װעל אַלײן טראָגן דעם עמער װאַסער.

משה שטיפער האָט ניט נאָר געקאָנט גוט לערנען, נאָר האָט אױך געקאָנט גוט שפּילן אין שרײב־פּענעס פאַר קנעפּ־

---

*) קאַראַמיסל — אַן אַמאָליקער צום אַקסל־צוגעפּאַסטער שטעקן צו טראָגן װאַסער אין עמערס.

לעך. און צוויי מעשענע קנעפלעך זיינען נאָך אפשר מער ווערט ווי אַ האַלבע מצווה. קנעפלעך מעשענע און שרייב־פּענעם — דאָס איז פֿאַר משהלען געווען די גרעסטע פרייד.

רייזל קוקט אויף משהן מיט אירע אומשולדיקע אייגעלעך און זאָגט: — „וואו זאָל איך דיר נעמען מעשענע קנעפלעך?"

— אַט, דו ווערסט שוין געפינען ביי אייך אין שטוב, אין די אַלטע קליידער, רייס אַראָפּ, שאַ, שטיל, נאָר זאָלסט קיינעם ניט זאָגן. טאָמער דערוויסט זיך פון דעם דער רבי וועט ער מיך פאַרשמייסן. אַ סוד איז אַ סוד.

— ניין איך וועל ניט זאָגן קיינעם, און אַז איך וועל געפינען קנעפלעך וועל איך דיר געבן, רייסן וועל איך ניט.

פון רייזעלעס צוזאָג איז משהלע צופרידן. נעמט ער פון קעשענע אַרויס אַ שטריקל און בינדט צו דעם עמער־וואַסער צום קאַראָמיסל אויף זיין ברעג און גיט רייזעלען דעם גאַנצן שטעקן כמעט, איז איר גרינגער, און זיי לאָזן זיך גיין אַהיים.

רייזעלע זאָגט: דיין האַלבע מצווה וויל איך ניט צונעמען, נאָר קנעפלעך וועל איך זוכן.

די קינדער ברענגען דעם עמער וואַסער און רייזעלע גיסט אָן דעם קופּערנעם טאָפּ פאַר דער באָבע, אַריינצושטעלן אין טשאָלנט, און משה מיטן זיידע גייען אין באָד.

רייזעלע גייט אַוועק צו זיך אַהיים, זי האָט שוין אַלץ אָפּ־געטאָן פאַר דער באָבען, אָבער זי קומט שפּעטער צוריק, אירע עלטערן וואוינען אַ צווייט הויז בלויז פון דער באָבעס. שפּע־טער קומט זי שוין אָן אויסגעפּוצטע אויפן שבתדיקן שטייגער, אין אַ ניי קלייד, אַ רויטס, מיט ווייסע פּינטעלעך. און געניימ איז דאָס קליידל מיט אַ סך קרייזלעך כמעט איבער דער טאַליע. און ביים האַלדז אַ קרייזל פון שפּיצן, און דאָס זעלביקע ביי די קורצע אַרבל, פאַרקנעפּלט פון הינטן מיט זעקס פּערלמוטערנע קנעפּלעך. דאָס בלאָנדע קעפּעלע ריין געוואַשן און פאַרפלאָכטן

מיט צוויי צעפּעלעך, איינגעפּלאָכטן אין זיי אַ רויטע לענטע. רויטס, זאָגט די באָבע, איז גוט אַז אַ בייז אויג זאָל ניט שאַטן...

רייזעלע איז אַ שיינינקע און אויך אַ גוטינקע מיידעלע, זי איז ערשט ניין יאָר אַלט און דאָך העלפט זי דער באָבען אַלץ צו טאָן. די באָבע האָט שוין אויסגעגעבן אַלע קינדער, רייזעלע איז טאַקע איר מיזינקעס טעכטערל, שיקט זי די מאַמע יעדן פרייטיק צו העלפן דער באָבע אויף שבת. רייזעלע באַקומט דערפאַר פון חלה־טייג אַ פייגעלע און אַמאָל נאָכן באַקן — אַ מייזעלע... (משה שטיפער וויל פון אַלע פייגעלעך מאַכן מיי־זעלעך...).

די באָבע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שבת, פאַררוקט דעם טשאָלנט „פאַרחתמעט" דעם אויוון, זיך אָנגעטאָן אין שבת־דיקע קליידער און זיך צוגעזעצט אויפן גאַניק מיט אַ שכנה. באַלד איז צוגעקומען רייזעלע און מיט אַ שעמעוודיק שמייכל געפרעגט:

— באָבע, די מאַמע פרעגט צי איז שוין צייט ליכט בענטשן.

די באָבע קוקט אויפן הימל: — נאָך אַ ווײַלע, מיין קינד.

די שכנה באַטראַכט רייזעלען: — זע, זע נאָר וואָס פאַר אַ שיין קליידל! ווער האָט עס דיר אויפגענייט?

— די מאַמע, — ענטפערט רייזעלע פאַרשעמט.

די באָבע קוקט זי אָן מיט ליבע, „אָ! אַ ניי קלייד! איך זע טאַקע, אַז דאָס קינד שיינט מיר ווי זיבן זונען, קיין עין־הרע, קיין בייז אויג!" — זי קושט איר אין קעפּעלע און שפּייט אויס דריי מאָל — „טראָג עס געזונטערהייט!" — דאָ קומט אַרויס פון שטוב דער זיידע מיט משהלען. משה טראָגט דער באָבעס און דעם זיידנס סידורים אונטערן אָרעם צו גיין אין שול אַריין.

דער זיידע מיט התפעלות: „זע, סקאָצל קומט, אַ גאַסט אויף שבת, רייזל מיט די קרייזעלעך איז דאָ!"

די באָבע: — „אַנו, טו אַקאָרשט אַ קוק וואָס פאַר אַ שיין קליידל די מאַמע האָט איר אויפגעניייט, גאָלדענע הענט, קיין עין־הרע נישט". — דער זיידע באַטראַכט רייזעלען און שאָקלט מיטן גרויען קאָפּ, — איי, איי, שוין איין מאָל אַ קליידל! זינט קליידער האָבן זיך געקליידלט האָט זיך אַזאַ קליידל ניט גע־קליידלט, טראָג עס געזונטערהייט און צעריים עס געזונטער־הייט".

מאַכט רייזעלע:

— ניין, זיידע, איך וועל ניט צערייסן.

זיידע: — ביסט ווערט אַ קניפּ אין בעקל.

די באָבע הייבט זיך אויף צו גיין ליכט בענטשן. — „גיי, מיין ליב קינד, זאָג דער מאַמען אַז עס איז שוין צייט בענטשן ליכט".

רייזעלע לאָזט זיך גיין אַהיים אַ גליקלעכע, אַלע האָבן געזען איר ניי, שיין קליידל. משה שטיפער קוקט איר נאָך און באַמערקט די פּערלמוטערנע קנעפּלעך אין רייזעלעס קליידל.

— איי, איי, איי, וואָס פאַר אַ קנעפּלעך אויף איר קליידל! פאַר אַזאַ קנעפּל קאָן מען קריגן צוויי נייע שרייב־פּענעס און אפשר טאָקע דריי, אַנו, לאָמיר ציילן וויפל קנעפּלעך זי האָט: — איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס.

נאָר דאָ איז שוין רייזעלע פאַרשוואונדן.

משהלע טראַכט:

— טאָ וויפל פּענעס וואָלט איך פאַר זיי געקראָגן?

משהלע זוכט רייזעלען אויף אַלע זייטן...

עטעלע — שרעטעלע

1.

עטעלע איז אַ וואויל מיידעלע; עטעלע איז אַ שטיל מיידעלע און אַ פאַרחלומטע. זי איז דערצו אויך אַ גראַטענע, אַלץ וואָס עטעלע טוט קומט אַרויס גוט.

נאָר עטעלע טוט אַלץ זייער פּאַמעלעך. אַז זי רעדט ציילט זי די ווערטער, און אַז זי גייט, ציילט זי די טריט.

שיקט זי די מאַמע עפּעס קויפן, נעמט איר זייער לאַנג ביז מע זעט זי צוריק. אין קראָם שטייט זי און וואַרט ביז מע וועט זי פרעגן וואָס זי דאַרף.

אַז זי טראָגט דאָס איינגעקויפטע, טראָגט זי עס זייער פאָרזיכטיק, עס זאָל זיך נישט אויסגיסן, אָדער אויסשיטן. נעמט עס איר ווידער לאַנג. קען זיך אָבער די מאַמע נישט דערוואַרטן, שיקט זי איר ברודער לייבלען זען: „וואו איז אַהינגעקומען עטל?״ לויפט לייבל (לייבל, ער, פאַרקערט, גייט קיין מאָל נישט, נאָר ער לויפט) זוכן עטלען. טרעפט ער עטלען טראָגנדיק דאָס זעקל צוקער און מיט איין שפרונג איז ער שוין אין דער היים. נאָר אויפן שוועל האָט ער זיך אָן דעם הענטל פון טיר פאַרטשעפּעט און דאָס זעקל צוקער האָט זיך צעריסן און אויסגעשאָטן אויף

דער ערד. שרייט די מאַמע אויף לייבלען: — פון יאָגן קומט קיין גוטס ניט אַרויס!" — לייבל שווייגט, אָבער אין זיך טראַכט ער: — „איך בין ניט עטעלע, וואָס קריכט ווי אַ שרעטעלע!".

לייבלען האָט אָבער דאָס אויסשיטן דעם צוקער שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט אויסגעלאָזן צו עטעלען זיין כעס, האָט ער זי פאַר אַלעמען געגומען רופן — „עטעלע־שרעטעלע". פון דעמאָלט אָן האָבן אַלע קינדער זי גערופן: „עטעלע־שרעטעלע".

נאָר דערפאַר אָבער איז עטעלע אין שול געווען די בעסטע, זי פלעגט נישט גיין פון קלאַס צו קלאַס, נאָר — אַריבערשפּרינגען גאַנצע קלאַסן. און די לערער און לערערינס האָבן זי זייער ליב געהאַט. דאָרט איז זי שוין גאָר ניט געקראָכן — נאָר געשפּרונגען!

אָבער אַ פאַרחלומטע איז זי אַלץ געבליבן. זי האָט זיך גוט צוגעהערט צו אַלץ וואָס מ'האָט איר געזאָגט און דערנאָך האָט זי אַ סך געטראַכט וועגן דעם. טראַכטנדיק האָט זי אַלץ שוין עפּעס צוגעטראַכט צו דעם, און ס'איז אויסגעקומען ווי זי טראַכט אוים מעשהלעך.

.2

עטעלע איז געבוירן געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט. זי איז קיינמאָל ניט געווען אין דאָרף. אָבער אירע חברטעס, וואָס זיינען שוין געווען אין דאָרף, ווייט פון שטאָט, האָבן איר דערציילט, אַז דאָרט וואַקסן בלומען אַרום און אַרום, גאַנצע בייטן, גאַנצע פעלדער, און מען קען זיי רייסן מיט די הענט וויפל נאָר מען וויל.

עטעלע האָט געהערט און זי האָט זיך געוואונדערט. זי האָט געזען אַ סך בלומען, אָבער נאָר אין די פענצטער פון די בלומען־קראָמען. דאָ און דאָרט האָט זי אויך געזען בלומען ביי

געוויסע הייזער, אָבער ניט פיל, נאָר אין קראָם אין די שויפענצטער האָט זי געזען אַ סך בלומען. זי האָט ליב אַ סך!

האָט זי געגומען חלומען און טראַכטן:

— גאַנצע פעלדער מיט ווייסינקע מאַרגאַריטקעלעך! גאַנצע בייטן מיט בלאָאינקע בלימעלעך און מיט גאָלדיקע הערצעלעך אין מיטן!

אָבער צוזאַמען מיט דער פרייד פלעגט זי ביי די דאָזיקע געדאַנקען אויך אַרומכאַפּן אַ שרעק. אַ פעלד מוז געווים ליגן ביי אַ וואַלד, און פאַר אַ וואַלד האָט עטעלע זייער מורא. די באָבע האָט דערציילט אַז אין וואַלד וואוינען גזלנים. און איינמאָל האָבן די גזלנים געכאַפּט אַ ייד און אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים.

פרעגט זי ביי די חברטעם:

— ליגן די פעלדער מיט די בלומען ביי אַ וואַלד?

זאָגן זיי: — מסתמא יע.

ציטערט עטעלע:

— וואָס האָסטו מורא? אַמאָל זיינען אין אַ וואַלד געווען שלעכטע מענטשן אָבער ניט איצט.

נאָר פאַר עטעלען איז אַ וואַלד — אַ וואַלד. יאָ, זי וויל זען די בלימעלעך, נאָר זי האָט מורא.

3.

עטעלע האָט אויסגעחלומט מעשהלעך, אָבער מיט איר אַליין איז געשען אַ מעשהלע.

איין מאָל אַ זומער איז איר חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן. עטעלע מיט איר מוטער און מיט אירע צוויי ברידערלעך, בערל און לייבל, זיינען צוזאַמען געפאָרן אין „קאַונטרי", ווייט פון דער קאָכיקער שטאָט.

דעם גאַנצן וועג האָט עטעלע געהאַלטן אין קוקן דורך די פענצטער פון דער באַן. נאָר די באַן איז געלאָפן זייער שנעל און קיין סך האָט מען ניט געקאָנט זען.

געקומען צו פאָרן זיינען זיי שפּעט אין אָוונט. עטעלע איז יענע נאַכט געשלאָפן זייער אומרואיק. אַזוי ביז 6 אין דער פרי.

לייבל איז אַוועק צום טייכל כאַפּן פישעלעך און בערל האָט זיך פאַרדרייט מיטן גרויסן קודלעוואַטן הונט.

— וואו איז עטעלע?

עטעלע שטייט אין מיטן פעלד און רייסט בלומען. רייסט און רייסט און וויפל זי רייסט, אַלץ מער בלומען קומען צו. ס'קומט צו טאָפּלט. אַזוי האָט זיך איר אויסגעדאַכט. רייסט זי אויס איין בלימעלע — קומען-צו צוויי...

די בלימעלעך ווינקען, די בלימעלעך רייצן. טראַכט עטעלע אַז אַליין וואָלט זי געוואָלט זיין אַ בלימעלע. און אַז אירע ברי-דערלעך לייבל און בערל, וועלן זי אַ ריס טאָן וועט זי זאָגן מיט אַ געלעכטער: — איך בין דאָך אייער שוועסטער, עטעלע!

אַזוי טראַכטנדיק האָט זי אַלץ געריסן און געריסן בלום נאָך בלום. און אַז זי האָט שוין געהאַט אַ סך, האָט זי פון איר קאָפּ אַראָפּגענומען דאָס רויטע שטענגעלע און האָט מיט דעם פאַרבונדן די בלומען. זי האָט דערזען אַ בוים, האָט זי דאָס בינטל בלומען אַוועקגעלייגט ביים בוים און צוריק אַריין אין דעם בלומען-פעלד. אָבער דערנאָך אַז זי האָט גענומען זוכן איר בינטל בלומען איז זי גאָר אַוועק צו אַן אַנדער בוים. זי האָט געמאַכט אַ טעות. האָט זי געזוכט און געזוכט, ביז זי איז אַריין אין דעם וואַלד. באַלד זיינען אָנגעקומען אַנדערע, דיקעביימער. אוי, אַ וואַלד! און עטעלע האָט גענומען וויינען. האָט זי דערהערט ווי אַן אַנדער מיידעלע וויינט אין וואַלד, און יענע וויל אויך

איר מאַמען. ווער איז יענע מיידעלע? עטעלע איז געוואָרן מיד, מיד, און איז איינגעשלאָפן.

.4

מיט אַ מאָל זעט זי ווי אַן אַלטע באָבעצע קלייבט שוואוי־מען. האָט זיך עטעלע דערפרייט, גייט זי צו צו דער באָבעצע און זאָגט: — „באָבעניו, איך ווייס נישט וואו צו גיין אַהיים, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט".

— ווי אַזוי גייט אַליין אַ מיידעלע אין וואַלד? — פרעגט די באָבעצע.

לאָזט עטעלע אַראָפּ די אויגן פאַרשעמט און דערציילט דער באָבעצע, אַז זי איז געגאַנגען קלייבן בלומען און זי ווייס נישט וואו זי האָט די בלומען אַוועקגעלייגט...

— גוט, — זאָגט די באָבעצע, — דו ביסט אַ וואויל מיידל, קום, איך וועל דיך ברענגען צוריק אַהיים.

זיינען זיי לאַנג געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען צו אַ קליין שטיבעלע.

די אַלטע באָבעצע האָט אויפגעמאַכט די טיר פון שטיבעלע און געהייסן עטעלען אַריינגיין. האָט עטעלע מורא אַריינצוגיין און זי זאָגט:

— דאָס, באָבעניו, איז נישט מיין היים, איך וויל גיין צו מיין מאַמען און צו מיינע ברידערלעך.

— איך ווייס, אַז דאָס איז נישט דיין היים, — זאָגט די באָבעצע, — צו דיין היים איז נאָך זייער ווייט, מיין קינד, און אין דרויסן איז שפּעט, האָב איך מורא גיין שפּעט אין וואַלד, ווייל אין וואַלד זיינען דאָ בערן און וועלף. מאָרגן ווי נאָר עס וועט ווערן ליכטיק וועל איך דיך נעמען צו דיין מאַמע. און

איצט זיי אַ גוט מיידעלע און גיי אַריין אין מיין שטיבעלע. מיר וועלן דאָ איבערנעכטיקן.

זעט דאָך עטעלע אַז די באָבעצע איז גערעכט, מען קאָן דאָך אין דער נאַכט נישט גיין אין וואַלד. גייט זי מיט דער באָבעצע אַריין אין שטיבעלע.

דאָס שטיבעלע איז פון איין חדר, מיט איין טיש פון ווייסן האָלץ און מיט איין גרויס בענקל. און אין אויוון ברענט אַ פייער, ביים אויוון איז געלעגן אַ גרויסע קאַץ און געשלאָפן.

באַלד האָט די באָבעצע אויפגעוועקט די קאַץ און זי געשיקט עפּעס ברענגען און עטעלען האָט זי געהייסן זיך זעצן אויפן בענקל.

אַ קאַץ פאַרשטייט וואָס מען רעדט צו איר? — טראַכט עטעלע פאַרוואונדערט און דאָ פרעגט די באָבעצע: — וואָס איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען איז עטעלע, — האָט זי שטיל געענטפערט און זיך געזעצט אויפן בענקל.

— אַזוי גאָר, רופט מען דיך, עטעלע, זייער אַ שיינער נאָמען.

דאָ האָט שוין עטעלע נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט: — „איך וויל אַהיים!”

— וויין נישט, עטעלע, — האָט איר די באָבעצע גענומען גלעטן איבערן קעפּעלע, — דו ביסט דאָך זייער הונגעריק, נאַ דיר עסן!

זי האָט איר געגעבן אַ שטיקל ברויט, מילך און יאַגעדעס.

עטעלע איז טאַקע געווען הונגעריק, און די יאַגעדעס — אַזעלכע רייפע, אָנגעגאָסענע, בלאָע; די מילך, פריש, און דאָס ברויט — ווייס און פוכקע. האָט עטעלע גענומען עסן — ביס נאָך ביס, פּאַמעלעך, טרונק נאָך טרונק. ווי זי האָט נאָר אָפּ-

געגעסן האָט זי געזאָגט דער באָבען „אַ דאַנק" און באַלד האָט זי זיך דערפילט שלעפעריק. און איז איינגעשלאָפן אויפן באַנק.

אַז טעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי זיך געפונען אין אַ שיינעם ליכטיקן צימער אויף אַ ווייס בעט מיט זייד און שפּיצן באַפּוצט.

דער צימער איז געווען פול מיט זון־שיין און מיט בלומען. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ טיש מיט דריי גלייכע שטולן, און איין שטול — אַ פּערטער — אַ הויכער. אין איין שטול איז געזעסן אַ לייב פון וואָל, אין דעם צווייטן שטול אַ טעדי־בער און אין דעם הויכן שטול אַ ליאַלקע מיט אַן אָפן מיילעכל און צוויי ציינדעלעך האָבן זיך אַרויסגעזען. און איין שטול — פון די גלייכע — איז געווען אַ ליידיקער.

אויפן טיש איז געשטאַנען פּאַר יעדן אַ שיסעלע מילך מיט יאַגעדעס און פּוטער־ברויט. דריי אַזוינע שיסעלעך. טעלע איז געזעסן אין בעט און געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן און נישט געוואוסט וואו זי איז...

נאָר דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און די באָבעצע האָט איר געבראַכט וואַסער מיט אַ האַנטעך, און געזאָגט, — „גוט מאָרגן דיר, מיין קינד, ביסט עפּעס גוט געשלאָפן? גיי, קינ־דעלע, וואַש זיך איין און עס אָנבייסן!"

טעלע האָט זיך שטיל שנעל אָנגעטאָן און זיך געוואַשן, געבליבן שטיין ביי דער טיר, און מיט אַ וויינענדיקער שטימע געזאָגט צו דער באָבע: — „איך וויל נישט עסן איך וויל גיין אַהיים, איך וועל עסן מיט מיין מאַמע און מיט מיינע ברידער און קליין שוועסטערל, איך וויל אַהיים!"

— זיי נישט קיין נאַרעלע, טעלע, דיין מאַמע האָט דאָך נאָך קינדערלעך און איך האָב קיינעם נישט. איך בין נישט קיין מכשפה, איך בין אַמאָל אויך געווען אַ קינדעלע, און דו ביסט

אַזאַ גוטינקע מיידעלע, דו רופסט מיך באָבעניו, ס׳איז מיר אַזוי גוט צו הערן ווי דו זאָגסט — „באָבעניו“. בלייב, עטעלע, אַ קליין ביסעלע מיט מיר, איך וועל דיר געבן וואָס דו ווילסט. און אַז ס׳וועט דיר אַלץ זיין אומעטיק און וועסט אַלץ וועלן זען דיינע ברידערלעך מיט דיין שוועסטערל, וועסטו זיי זען. דו דאַרפסט נאָר צוגיין צו די וואָס זיצן אַרום טיש און זיי געבן אַ גלעט, אָדער נעמען פאַר זייערע הענטעלעך, וועסטו זיי גלייך זען. נאָר דו טאָרסט נישט זאָגן, אַז דו ווילסט אַהיים, ווייל זיי וועלן גלייך פאַרשווינדן.

— און איצט גיי, זעץ זיך ביים טיש און עס אָנבייסן.

אָפּגעזאָגט די ווערטער איז די באָבע אַרויס פון הויז, און עטעלע איז פאַרבליבן אַליין, אין אַ ווײַלע אַרום איז עטעלע צו־געגאַנגען צו דער ליאַלקע און איר אַ גלעט געטאָן איבער די לאָקנס, האָט די ליאַלקע אָנגעהויבן שמייכלען... האָט עטעלע אויך אָנגעהויבן שמייכלען, און זי נעמט איר קליין הענטעלע אין איר האַנט.

איז פון דער ליאַלקע געוואָרן איר קליין שוועסטערל רחלע וואָס פּאַטשט אַלע מאָל מיט די הענטעלעך: פּאַטשע, פּאַטשע, קיכעלעך!

ווערט עטעלע דרייסטער און זי כאַפּט דעם טעדי־בער פאַרן עק. מאַכט דער טעדי־בער: בו, בו. נעמט זי זיין לאַפּקע אין איר האַנט, ווערט פון דעם בער איר ברודער בערל... געפעלט איר דער שפּאַס, און זי גייט און כאַפּט דעם לייב פון וואָל פאַר די אויערן, טוט דער לייב אַ ברום ווי איר ברודערל לייבל דער שטיפער. נעמט זי ווידער אַמאָל זיין לאַפּקע, איז שוין אין שטול איר ברודער לייבל. נעמט זי זיי אַלעמען קושן און אַ גליקלעכע זעצט זי זיך מיט זיי עסן אָנבייסן. זי פרעגט זיי ווי אַזוי האָבן זיי געקענט זיך פאַרשטעלן, און ווי קומען זיי אַהער און צי האָט

דאָס זיי די מאַמע געשיקט נאָך איר, נאָר זיי שווייגן און ענט־ פערן איר גאָרניט.

ווערט איר אומעטיק, וואָס זיי שווייגן און זי פרעגט ווייטער וואו איז די מאַמע און מיט אַ געוויין שרייט זי אויס — „איך וויל אַהיים, מאַמע!"

און ווי זי האָט דאָס אויסגערעדט, אַזוי איז פון דער שוועס־ טער ווידער געוואָרן אַ ליאַלקע און פון די ברידערלעך אַ טעדי־ בער מיט אַ לייב פון וואָל. האָט עטעלע זיך צעוויינט נאָך מער און זיך געלאָזט גיין אַליין אין דרויסן צו זוכן איר היים... און ווי זי איז אַרויס פון הויז זיינען די ליאַלקע מיט דעם בער און לייב פון וואָל איר נאָכגעלאָפן...

איז עטעלען די שפּיל ווידער זייער געפעלן, אָבער דאָך האָט זי זיך אויך גענומען שרעקן פאַר דער שפּיל. גיט זי אַ גיי פון וואַלד אין פעלד און פון פעלד ווידער אין וואַלד אַריין: — „מאַמע, מאַמע! וואַלד, איך בין אין אַ וואַלד!" דערמאָנט זי זיך אָן די גזלנים, הייבט זי נאָך העכער אָן צו שרייען. קומט אַרויס פון דער טיפעניש פון וואַלד איר מאַמע, איר גוטע מאַמע, נאָר ביי דער זייט פון איר מאַמען גייט אויך די באָבעצע און ביידע זעען אויס אַזוי ענלעך איינע צו דער אַנדערער! גייען זיי ביידע פאַרביי עטעלען, ווי גאָרנישט! שרייט עטעלע: — „מאַמע, דערקענסט מיך ניט?! און זי גיט זיך אַ רים צו דער מאַמען, און פּלוצלונג: באַטש...

עפנט עטעלע אויף די אויגן. זעט זי: זי ליגט אויפן דיל אין איר צימערל, אין מאַמעס שטוב, און ביי דער טיר שטייט טאַקע די מאַמע אַ פאַרוואונדערטע, אַ דערשראָקענע:

— עטעלע, וואָס איז געשען? אַזאַ גרויסע מויד זאָל אַרויס־ פאַלן פון בעט!

עטעלע טוליעט זיך צו דער מאַמען און דערציילט איר דעם

חלום. די מאַמע קושט זי און שפּייט אויס דריי מאָל: — טפו, טפו, טפו.

דערהערן לייבל און בערל עטעלעס חלום, כאַפּן זיי אַ שטעקן מיט אַ בלעכענער פּאַן, און זיי מאַרשירן מיט טראָמפּייטן:

— עטעלע, שרעטעלע,
שלאָפט אין בעטעלע,
מאַכט אַ גוואַלד —
זי האָט פאַרבלאָנדזשעט
אין אַ וואַלד.
— עטעלע־שרעטעלע,
איז געגאַנגען רייסן בלומען
איז אַ באָבעצע געקומען...
וויל דאָך עטעלע אַנטלויפן,
קאָן ניט עטעלע,
און זי פאַלט אַראָפּ
פון בעטעלע.
— באַטש!

איך און דאָס קעלבל

1.

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל וואו די נאַטור האָט קיינעם קיין זאַך ניט געשפּאָרט. אין שטוב פון מיינע על־טערן האָט מען געהאָדעוועט אַ סך קינדער; און אין הויף — קעלבעלעך, ציגן, גענדז און הינער. אָבער דער עיקר וואָס איך וויל דאָ דערציילן איז פון אַ קעלבל. אייגנטלעך: איך און דאָס קעלבל.

איך בין די יינגסטע און קלענסטע פון מיינע שוועסטער, האָט מען מיך דערפאַר גערופן: מיזינקע. אַזוי פלעג איך אויך רופן דאָס קעלבל. ווייל אויב דער נאָמען איז גוט פאַר מיר, איז דאָך דער נאָמען אויך גוט פאַר קעלבל. מיך האָט מען ליב און איך האָב דאָך דאָס קעלבל אויך ליב. זיינען מיר: צוויי מיזיניקעס.

און עס פלעגט פּאַסירן אַז מען האָט מיך אַ רוף געטאָן: „מיזיניקל, מיזיניקל, קום נאָר אַהער" — האָבן מיר זיך ביידע, איך און דאָס קעלבל געלאָזט שפּרינגענדיק צוזאַמען צו די וואָס האָבן מיך גערופן. דאָס קעלבל מיט איר לשון — „מו־מע", ווי זי וואָלט געענטפערט אויפן רוף. פלעגן זיך אַלע צעלאַכן. און אַז מ'האָט דאָס קעלבל געגעבן אַ גלעט פון שפּאַס־וועגן, האָבן מיר זיך ביידע ווידער געלאָזט שפּרינגען איבערן הויף, איך און דאָס קעלבל.

אַזוי איז אויך געלאָפן יענע קינדערשע, זאָרגלאָזע צייט.

ווען מיין עלטערע שוועסטער פלעגט גיין פיטערן דאָס קעלבל פלעגט זי מיך מיטנעמען. זי אַליין פלעגט זיצן אויפן

גראָז אין פעלד אין די שאָטנס פון דעם הויכן קאָרן. זי פלעגט אַרבעטן אַ האַנט־אַרבעט און מיך פלעגט זי הייסן אויפפּאַסן אַז דאָס קעלבל זאָל ניט גיין אין קאָרן אַריין, נאָר זאָל זיך פּאַשען אינעם גראָז דערביי.

נו, האָב איך טאַקע גוט אויפגעפּאַסט... איך בין אַליין אַריין אין הויכן קאָרן און אָנגעריסן קאָרן־בלימעלעך בלויאינקע (וואַסילקעס), און האָב אויסגעפלאָכטן צוויי קראַנצן און האָב זיי אָנגעטאָן איינעם אויף מיין קאָפּ, איינעם אויפן קעלבל. אוןביידע האָבן מיר זיך געלאָזט איבער די לאָנקעס צו שפּרינגען. איך האָב נאָכגעמאַכט דאָס שפּרינגען פון קעלבל. אַלעמאָל: איך און דאָס קעלבל. צוויי מיזינקעס.

מיט אַמאָל הער איך ווי מיין שוועסטער לאַכט, לאַכט שטאַרק. און די עכאָ קלינגט אָפּ פון ערגעץ. מיט איין טאַנצנ־דיקן שפּרונג בין איך, און נאָך מיר דאָס קעלבל, שוין געווען אַרום דער שוועסטער.

— וואָס לאַכסטו?

און ניט וויסנדיק וואָס די שוועסטער לאַכט האָב איך זיך אויך צעלאַכט מיט אַ קינדעריש געלעכטער. האָט זיך מיין על־טערע שוועסטער נאָך מער צעלאַכט און זאָגט צו מיר: — „דו וואַקסט אַ קאַלב, מיזינקע“.

2.

יאָרן זיינען פאַריבער, איך בין שוין אַ דערוואַקסן מיידל. אַנדערע בלומען האָב איך געקליבן, אַן אַנדער קראַנץ געפלאָכטן...

אַ קראַנץ פון בענקשאַפט, ליידנשאַפט, ליבע, אַ קראַנץ פון טרוימען. אָנטאָן אַזוינע קראַנצן אויף זיך? וואָס טוט מען?

דאַרף מען זוכן אַ ליכטיקן קאָפּ, אַ ליכטיקע געשטאַלט. וואו? און וואָס וועט זיין אַז איך וועל שוין געפינען? אַז איך געפין תמיד און פאַרליר!

דער גוטער פּריץ

אַ פּריץ איז שלעכט, אַזוי ווייזט דער שרייבער שלום אַש, אין זיין „תהילים ייד״, אַזוי ווייזט אויך י. י. זינגער אין זיין ווערק „די ברידער אַשכנזי״, אַזוי ווייזן אַלע.

אַ פּריץ איז בייז, אַ פּריץ טראָגט שפּיציקע וואָנצעס און ער גייט שטענדיק אַרום מיט אַ בייזן הונט.

אָבער איך האָב אין מיין קינדהייט אין אונדזער שטעטל גאָר געקענט אַ גוטן פּריץ. און איך וויל אים פאַרשטעלן פאַר אייך. ווייבאַלד ער איז אַן אויסנאַם דאַרף מען אים קענען.

אייגנטלעך וואָלט מען דעם פּריץ פון שטעטל געדאַרפט רופן — „דער יידישער פּריץ״, נאָר ער, דער פּריץ איז ניט קיין ייד. אָבער צווישן דעם פּריץ מיט די יידן פון שטעטל איז געווען עפּעס ווי אַ מין נאָענטע פאַרוואַנדשאַפט.

אָט צום ביישפּיל: אַז דער פּריץ פלעגט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, פלעגן די שטעטלשע יידן אַרומגיין אַזוי ווי עס וואָלט געווען זייערע אַן אייגענע שמחה, מ׳האָט זיך געפרייט, מישב געווען וואָס פאַר אַ טאָרטן מ׳זאָל שיקן צו דער חתונה און מען האָט טאַקע באַשלאָסן דאָס אַלע זאָלן בעסער געבן צוזאַמען גאָר אַ גרויסן טאָרט. מען האָט עס באַשטעלט אין דער טאָרט־בעקעריי, אין דער „פּעקאַרני״, אויסגעגאָסן פון צוקער

מיט מאַמפּאַסע — אַ האַרציקן מזל־טוב פון די שטעטלדיקע יידן!

דאָס זעלביקע איז געווען אויך ווען אין שטעטל איז געווען אַ יידישע חתונה. דאָס ערשטע האָט מען גערופן דעם פּריץ מיט דער פּריצטע, און זיי זיינען טאַקע געקומען אויך. אויב די חתונה איז געווען ביי אַן אָרעמאַן, האָט דער פּריץ אַריינגעשיקט ווייצענע מעל און האָניק פאַר חתונה־לעקעך.

אויב ווידער, די חתונה איז געווען אַ באַלעבאַטישע, האָט די פּריצטע געשענקט אַ זילבערן לעפל אָדער אַ זילבערנעם מעסער, אָדער אַ שיין טעצל דרשה־געשאַנק.

און אַז ביים פּריץ איז עמיצער געווען קראַנק, האָבן די יידן פון שטעטל געבעטן גאָט אַז דער חולה זאָל געזונט ווערן. עס האָט אפילו געטראָפן דאָס די יידן האָבן געזאָגט תהילים פאַרן חולה און אַז דער חולה איז געוואָרן בעסער, האָט דער פּריץ נאָכהער אַריינגעשיקט האָלץ פאַרן ווינטער פאַר דער שול. „שוין געווען כדאַי, עס האָט זיך געלוינט זאָגן תהילים!“ פלעגט אַ ייד זאָגן, ווען ער האָט זיך געוואָרעמט אַרום הרובקע אין שול. „ער האָט אַ איידעלע נשמה, אַ יידישע נשמה“ — פלעגט זאָגן אַ צווייטער, אַ דריטער ייד. „אוי, אוי, למנצח“ — פלעגן יידן זאָגן מיט התמדה.

און אַז עס פלעגט טרעפן, אַז ביי עמעצן פון די יידן אין שטעטל איז געוואָרן קראַנק אַ קינד און מ'האָט געדאַרפט רופן אַ דאָקטאָר, (ווייל אין שטעטל איז בלויז געווען אַ פעלדשער) האָט מען גלייך געלאָזט וויסן דעם פּריץ און טאַקע באַלד האָט מען געזען מיקיטאַן מיט דעם פּריצס גוטע פאַר פערדלעך: — „ער קומט מיטן דאָקטאָר!“. פאַר אָרעמעלייט האָט דער פּריץ אַליין באַצאָלט דעם דאָקטאָר.

אין שכנות מיטן פּריץ האָבן געוואוינט דריי ברידער

וועלכע האָבן פון פריץ געמאַכט אַ לעבן. איינער פון די ברי־דער בערל, אָדער ווי דער פריץ האָט אים גערופן: בערקאָ, איז ביי דעם פריץ געווען די רעכטע האַנט. אָן בערקען האָט ער גאָרנישט געטאָן, סיי ביים קויפן אָן אימעניע, אָדער פאַרקויפן וואַלד, האָט בערקע געמוזט זיין דערביי. נאַטירלעך, האָט בערקע צום פריץ ניט צוגעלייגט. און אויב מען האָט דעם פריץ ניט גערופן „דער יידישער פריץ, האָט מען דערפאַר אָבער בערקען גערופן: „יידישער פריץ". און געלעבט האָט טאַקע בערקע ווי אַ פריץ. צוויי מאָל אַ טאָג האָט מען ביי אים געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. און אַז איינע פון די שוועגערינס פלעגט אַריינגיין צו בערציכען נאָך אַ טשאַיניק געזאָטן וואַסער פון סאַמאָוואַר פלעגט זי טאַקע דערנאָך אַרויסגיין מיט אַנגע־זאָטן־קנאה אין האַרצן.

די אַנדערע צוויי ברידער מיט זייערע משפחות האָבן זיך אויך געשאַרט אַרום דעם פריץ, אָבער מער ווי אַ פונט מעל אויף ברויט, אָדער אַ ביסל היי פאַרן פערד, האָט מען ניט געקראָגן. אַמאָל האָט מען „די פריצים" גלאַט באַדינט. אַמאָל פלעגט זיך דער פריצטע פאַרגלוסטן לאָקשן, צי פאַרפל, האָט די פריצטע געשיקט נאָך דער „זשידואווקע"; אָדער די פריצישע מיידלעך, די וואַזשנע טעכטער, פלעגן וועלן אַז מ'זאָל זיי אויס־נייען אַ גענייעכטס אויף זייער רוסישן קאָסטיום, פלעגן זיי רופן די יידישע מיידלעך און זיי פלעגן שוין פאַרדינען אויף אַ קליידל אויף יום־טוב.

דאָס האָט געמיינט, אויך די צוויי ברידער מיט פרויען און קינדער „האָבן זיך געשאַרט אַרום פריץ".

אָט אַזוי האָבן די יידן פון שטעטל שינעוויץ געלעבט בשלום מיטן פריץ. נאָר דאָס איז געווען מיטן אַלטן פריץ. און אַז דער אַלטער איז געשטאָרבן האָבן אים די יידן אמתדיק באַוויינט, ווער ווייס צי דער יונגער פריץ, זיין זון, וועט זיין

אזוי גוט צו יידן ווי זיין פּאָטער איז געווען! — יידישע ציי־טערנישן...

— ער איז אפילו ניט קיין שלעכטער, — האָבן יידן געזאָגט, — נאָר ער איז זייער אַ גרויסער שיכור און אַ הולטאַי, — האָבן יידן געשמועסט, און דאָס שטעטל האָט זיך געשראָקן.

אחוץ די אַלע גיטער, וועלדער און אחוץ דעם גרויסן פּאַלאַץ, וואָס איז איבערגעבליבן דעם יונגן פּריץ, איז אויך אין דער ירושה צו אים איבערגעגאַנגען — בערקע. פּעטרושקאַ, דאָס יונגע פּריצל האָט אוודאי אָן בערקען אַ טריט ניט געקאָנט מאַכן. שוין ביים פּאָטערס לעבן האָט אים בערקע ניט איינמאָל אַרויסגעשלעפּט פון בלאָטע, ווען ער האָט אַלץ פאַרשפּילט אין קאָרטן. און איצט איז בערקע געווען פאַר אים אַלץ: בערקע און בערקע. דער אַלטער פּריצטע פלעגט עס גראָד ניט אָרן. זי האָט צו בערקען געהאַט מער צוטרוי ווי צו איר אייגענעם צעבאַלעוועטן זון.

און בערקע איז געווען אַ גוטער „עקאָנאָם", ער האָט דעם זון געפירט אויף דעם זעלביקן וועג ווי דעם פּאָטער זיינעם. יידן האָבן זיך באַרואיקט, הערצער האָבן זיך איינגעשטילט. אַמאָל פלעגט זיך גראָד פּעטרושקאַן פאַרוועלן מאַכן שפּאַס מיט איינעם פון די יידן וואָס פלעגן אָפּברענגען אַ שטיקל אַרבעט, — אַ שניידער, אָדער אַ שוסטער; פּעטרושקאַ האָט אַמאָל ליב געהאַט אָנרייצן זיינע הינט אויף זיי, אַז אָט, אָט צערייסן זיי דעם יידן אויף שטיקער, אָבער ווי נאָר די הינט זיינען שוין צוגעקומען צו נאָענט צום יידן, און דער ייד האָט גענומען שרייען, האָט ער די הינט אָפּגעטריבן. דעמאָלט האָט ער נאָך געוואָלט, אַז דער ייד זאָל אים באַדאַנקען...

פּעטרושקאַ האָט פון דעם אַלעמען געקליבן נחת און ער פלעגט דערביי אַריינגיסן נאָך אַ קעלישעקל.

פאַר דער שטיק אַרבעט אָבער וואָס דער שניידער, אָדער דער שוסטער האָט אים געבראַכט האָט ער שיין באַצאָלט אין צווייען.

שמחת תורה, ווי עס פירט זיך, נעמען יידן צו קאַפּיטש־קעס און מאַכן זיך נאָך מער שיכור ווי זיי זיינען, איבערהויפּט שלמהלע דער שוסטער, זייער אַ פריילעך מענטשל, וואָס קאָן אויך טאַנצן, זינגען. ער האָט געקענט אַ סך לידלעך און האָט אויך געוואוסט אַ סך לידער אויף אויסווייניק פון דעם בדחן, אליקום צונזער. ער איז געווען דער בעל־שמחה אויף אַלע שמחות.

שלמהלע איז געווען דער פריילעך־מאַכער אין שינעוויץ.

שמחת־תורה איז שלמהלע געוואָרן זייער שיכור פון דער צוגעפּראַוועטער פלאַש־וואַסער מיט טיי, און אַלע — אַלע דער רב און דער גבאי, האָבן געמוזט מאַכן מיט אים — לחיים!

יעדעס יאָר טוט ער אָפּ דאָס זעלבע שפּיצל אום שמחת־תורה. ער גנבעט אַרויס ביי דער גבירישער באַלעבאָסטע דעם קוגל מיטן צימעס פון אויוון און טראָגט עס אַוועק מיט דער גאַנצער שיכורער כאַליאַסטרע צום „הויף״ און צוזאַמען מיטן יונגן פּריץ גייען אַלע צו בערקען אויף כיבוד. דאָרט פילט זיך דער פּריץ ווי ביי זיך אין דער היים, ער שיקט גלייך מיקיטען נאָך אַ טאָפּ בראָנפן און ער אַליין טרינקט אויס מער ווי דאָס גאַנצע שטעטל יידן, אפילו מיט מיקיטען אינאיינעם; און ווען דער פּריץ איז שוין גאַנץ פריילעך גייט ער אַ האָפּקע מיט שלמהלע דעם שוסטער. נאָר דאָ הייבט ער זיך אָן צו שאַרן צו די יידישע מיידלעך. איין מיידל האָט ער טאַקע אַרומגענומען און געוואָלט געבן אַ קוש, אָבער די יידישע טאָכטער האָט אים געזאָגט בזה־הלשון:

— „באַריניאַ, מניע נעמאָזשנאַ, סקאַזשו וואַשעי מאַטקע, בודעט וואָס פּיסאַק״ (אַ פּסק).

דאָס וואָלט געהייסן אַזוי צו זאָגן: — מע טאָר ניט, איך וועל מסרן פֿאַר אייער מוטער, וועט איר קריגן אַ פּסק.

דער יונגער פּריץ האָט שוין פֿאַרשטאַנען וואָס „פּיסאַק" באַטייט. ער האָט עס שוין געהערט אַ סך מאָל...

די יידישע מאַמעס וואָס האָבן דערזען ווי דער פּריץ שאַרט זיך צו די יידישע מיידלעך האָבן זיך אַמתדיק דער־שראָקן און האָבן מיט אַ וואונק געלאָזט וויסן די טעכטער זיי זאָלן זיך שנעל אָפּטראָגן! שפּעטער האָט שוין בערקע געזען אַז דער יונגער פּריץ זאָל וואָס שנעלער חתונה האָבן. ער טאַקע איז געווען דער שדכן. אין גיכן האָט מען אין שטעטל דערהערט די נייעס, אַז דער פּריץ איז אַוועקגעפֿאָרן מיט זיין מוטער אויף חתונה. אין שטעטל איז געווען אַ גרויסע שמחה. מ'האָט אים דערנאָך באַגעגנט מיט זיין נייער פּריצטע מיט גרוים פֿאַראַד, מיט זאַלץ און ברויט, אַזוי ווי אַ קייסער, און גע־שריען: — „הורא, לאַנג לעבן זאָל דער יונגער פּריץ מיט דער פּריצטע, „מזל־טוב"!

יידישע טעכטער האָבן זיך דערפֿילט רואיקער.

דער פּריץ איז געווען איבערראַשט פֿון דעם גרויסן כבוד וואָס די יידן האָבן אים אָפּגעגעבן, און האָט גלייך אָנגעזאָגט מיט בערקען, אַז ער גיט געהילץ אויף אַ באָד, פֿון זיין גע־דיכטן וואַלד. די באָד פֿון שטעטל איז האַלב איינגעפֿאַלן און אַ ניי באָד צו שטעלן איז געווען פֿאַר די יידן שווערלעך. און הערנדיק די גוטע בשורה האָבן זיי זיך נאָך מער געפֿרייט מיט דעם פּריצס שמחה און טאַקע אויך מיט דער באָד.

— אַי, וועט עס זיין אַ מחיה!

די יונגע פּריצטע האָט אָבער אָנגעמאַכט אַ גאַנצע אי־בערקערעניש אין שטעטל. זי איז געווען זייער אַ קאַפּריזנע און אַ נאָכגעגעבענע און איז נאָך אויך געווען אַ שונא פֿון יידן.

זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס בערקע איז דאָרט דער גאַנצער מחותן. אויך האָט זי ניט געקאָנט הויזן מיט דער אַלטער פריצטע. זי האָט מיט דער אַלטער זיך גאָר פשוט געקריגט, און אויסגעטראַכט האָט זי אַ מעשה אַז אין אַלץ איז שולדיק דער „זשיד״: — ער רעדט אויף איר פאַר דער מאַמען אַלע רכילות!

זי האָט גענומען שטאַרק אָנריידן אויף בערקען פאַר איר מאַן, און ער, דער יונגער פריץ, האָט דאַן גענומען שפּילן אַ טאָפּלטע שפּיל: פאַר דער ווייב אין די אויגן האָט ער גע־שריגן אויף בערקען, געזידלט אים. אָבער אונטער אירע אויגן האָט ער בערקען איבערגעבעטן... און בערקע האָט זיך גע־לאָזט איבערבעטן. אַ ברירה האָט ער געהאַט? אין שינעוויץ האָט מען זיך וועגן דער דאָזיקער שפּיל אָנדערציילט אַ סך געשיכטעס. בערקע איז געזעסן ווי אויף אַ וויג — אַראָפּ־אַרויף, אַרויף־אַראָפּ!

דערווייל האָט אין שטעטל פּאַסירט אַ מעשה וואָס יידן האָבן פון דעם גערעדט און גערעדט.

ס׳האָט זיך באַוויזן אַזאַ מין קונצנמאַכער, אַ הויכער ייד, אָנגעטאָן אין מאָדנע קליידער, מיט אַ שפּיל־קאַסטן און מיט אַ ווייסינקע מייזעלע אין אַ שטייגעלע. פאַר 5 קאָפּיקעס האָט דאָס מייזעלע געטאַנצט און האָט נאָך אַרויסגעצויגן אַ צעטל מיט אַ גוט־מזל... אָבער עס פלעגט פּאַסירן, אַז דאָס מייזעלע האָט אויך אַרויסגעצויגן אַ „שלעכטן מזל״... דאַן האָט מען געדאַרפט צאָלן נאָך 5 קאָפּיקעס און וואַרטן אויף אַ ניי צע־טעלע. די וואָס האָבן אָבער גלייך אין אָנהייב געצאָלט 10 קאָפּיקעס האָבן געהאַט מער מזל, און דאָס צעטל איז תמיד זיי געווען אַ גוטס.

האָט אָבער געטראָפן אַז דווקא דער פריצטע האָט דאָס

מייזעלע אַרויסגעצויגן אַ שלעכטן „מזל". די קאַפּריזנע פּריצטע איז געוואָרן זייער אין כעס, און אויך דערשראָקן. דער קאַטע־רינשטשיק האָט געציטערט אין אַלע אברים.

איז, וואָס האָט דער קאַפּריזנער פּריצטע זיך געקענט פאַרוועלן?

זי האָט אַ זאָג געטאָן דעם פּריץ, אַז זי וויל האָבן פאַר זיך דאָס שטייגל מיטן מייזעלע.

האָט דער אָרעמער קאַטערינשטשיק געטענהט:

— אָבער דאָס מייזעלע איז מיין פּרנסה! וואָס וועל איך טאָן אָן דעם מייזעלע! אוי, מיין ביטער מזל!

האָט דער פּריץ דעם קאַטערינשטשיק געגעבן גאַנצע דריי רובל.

אָבער דער קאַטערינשטשיק האָט ניט געוואָלט. האָט דער פּריץ פון אים צוגענומען די דריי רובל און נאָך אָנגערייצט די בייזע הינט אויף אים.

דאָס מייזעלע מיטן שטייגעלע איז געבליבן ביי דער יונגער פּריצטע. יעדן פרימאָרגן פלעגט זי אין אַ גרויסן פענצטער פון פּאַלאַץ זיך כסדר שפּילן מיטן מייזעלע. דער קאַטערינ־שטשיק האָט געקוקט און געוויינט:

— „מייזעלע, מיין מייזעלע". אָבער וואָס האָט עס אים געהאָלפן?

האָבן יידן זיך געבראָכן די קעפּ, וואָס טוט מען? ווי קען מען העלפן דעם אָרעמען מאַן?

איז די טוקערין פון דער באָד געפאַלן אויף אַ המצאה: — מען זאָל זאָגן דער יונגער פּריצטע אַז זי קען זיך נאָך „פאַר־קוקן" אויף דעם מייזעלע, עס טויג ניט פאַר איר — אין „אַזאַ צייט".

די פריצטע האָט זיך טאַקע דערשראָקן. גלייך איז מיקיטא אַרויס פון פּאַלאַץ מיט דעם שטייגעלע און מייזעלע אין דער האַנט און עס אָפּגעגעבן דעם קאַטערישטשיק.

אין שטעטל איז איבער דעם געוואָרן ששון ושמחה.

און דער קאַטערישטשיק האָט פאַר זיין אַוועקגיין פון שי־נעוויץ אַרויסגעצויגן פאַר דער טוקערין אַ טייערן „מזל" אַז זי און אירע קינדער וועלן האָבן אריכת ימים און זיין גליקלעך אויף אַלע יאָרן!

— אָמן! — האָבן יידן געזאָגט.

אַ שלעכט יינגל

איך בין היינט געווען אַ שלעכט יינגל. ווען מיין מאַמע איז אַוועק פון שטוב און מיך איבערגעלאָזט מיט מיין קליין שוועסטערל, האָט זיך מיר געוואָלט אַ ביסל שטיפן, איך האָב געוואָלט ווייזן מיין קליין שוועסטערל אַז איך בין גרעסער און שטאַרקער פון איר.

און געוואָלט האָט זיך עס מיר דערפאַר, ווייל אַלע זיינען פאַרקערט, שטאַרקער פון מיר.

אין גאַס ווען די ייִנגלעך שפּילן באַל, און איך וויל כאַפּן דעם באַל, זאָגן זיי גלייך: — „גיי, גיי בעסער אַוועק פון דאַנען, מען וועט דיך נאָך אַ שטופּ טאָן וועסטו פאַלן — דיינע פּיס!" אומעטום האָבן זיי באַלד אויף מיר רחמנות: — „שטופּ זיך ניט!" ווער דאַרף זייער גוטסקייט? אוי, האָב איך זיי פיינט!

זיי מיינען אַז איך בין שוין אַ קאַליקע, קאָן איך שוין קיין זאַך ניט טאָן. אָבער איך קאָן נאָך בעסער פון זיי!...

— אָט דו זעסט, פּעני, אָט וועל איך מיט מיין שטעקן דערלאַנגען צום שטייגל וואָס הענגט איבערן פענצטער אין דער הויך, צום פייגעלע וואָס זיצט און זינגט.

און מיין שוועסטערל זאָגט: —

— „ניאָ, ניאָ, דו ניט קאָנען, דו פאַלן, ווען דו שטיין אָן שטעקן".

דאָס האָט מיך נאָך מער צערייצט. זי, דאָס קליינע שרעטל, זי זאָגט אויך — „איך וועל פאַלן!" — האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אויפגעהויבן דעם שטעקן צו דערלאַנגען דאָס

שטייגעלע, האָט זיך הפנים מיין האַנט געטרייסלט, האָב איך אומגערן געגעבן אַ קלאַפּ מיטן שטעקן אין שטייגעלע. איז דאָס שטייגעלע אַראָפּגעפאַלן און דאָס פייגעלע איז דערהרגעט געוואָרן.

ווען איך האָב דערזען דאָס פייגעלע, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט, ליגן אויפן דיל אין דעם צעבראָכענעם שטייגעלע, האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. איך האָב דאָך דאָס ניט געוואָלט טאָן, איך האָב געוואָלט בלויז אָנרירן מיטן שטעקן, צו ווייזן דער שוועסטער אַז איך קאָן יאָ דערלאַנגען...

מיין קליין שוועסטערל האָט זיך אויך דערשראָקן און האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און פאַרקרימט די ליפּעלעך ווי צום וויינען. איך אַליין האָב אויך געפילט ווי צום וויינען, נאָר איך האָב זיך געשעמט פאַר מיין שוועסטערל.

און אָט איז שוין די מאַמע דאָ, זי שטעלט אוים אויף אונדז אַזעלכע מאָדנע אויגן. מיין שוועסטערל לויפט גלייך צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין, ווי זי וואָלט זאָגן: — „איך ניט שולדיק".

און איך שטיי אין ווינקל און וואַרט אויף מיין שטראָף. מסתמא וועט די מאַמע באַלד אָנהייבן שרייען, און אפשר וועט זי מיך שלאָגן אויך? איך בין צופרידן צו באַקומען מיין שטראָף ווי ביטער עס זאָל ניט זיין... און אפשר וועט מיר דאַן לייכטער ווערן אויף מיין האַרץ.

נאָר מיין מאַמע שרייט ניט! שלאָגט ניט, נאָר זי שווייגט. וואָס שווייגט זי? ניין! זי שווייגט ניט, זי וויינט, אירע טרערן ריידן צו מיר.

אַז מיין מאַמע וויינט קאָן איך ניט ליידן. בעסער וואָלט זי מיך שלאָגן, הרגענען, אַבי ניט וויינען. איך וויל צוגיין צו איר און בעטן זי זאָל ניט וויינען, זאָגן איר, אַז איך בין ניט שולדיק, — אַז איך האָב עס אומגערן געטאָן.

נאָר די ווערטער מיט די טרערן וואָס זיינען מיר אַליין

אין די אויגן געשטאַנען האָבן זיך מיר אין האַלדז געשטעלט. און איך האָב זיך צוגעשלעפּט צו דער מאַמעס שוים. מיין שוועסטערל איז מיר געקומען צו הילף, און האָט אויף איר קינדערשער שפּראַך דערציילט דער מאַמען און מיך פאַרטיידיקט: — "ער ניט שולדיק"!

האָט מיין מוטער אונדז ביידן אַרומגענומען און זיך נאָך מער צעוויינט.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז פון היינט אָן זאָל איך זיין גוט. און דער מאַמען אַלץ פאָלגן.

פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, איך וועל גאָר פּרובירן נאָכמאַכן אויף דער פּיאַנאָ ווי דאָס פייגעלע זינגט, אפשר וועט די מאַמע אויפהערן וויינען.

איך האָב מיטן שטעקן זיך, ווי מיין שטייגער, צוגעשאַרט צו דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן. איך ווייס, אַז די מאַמע האָט הנאה מיך צו הערן שפּילן פּיאַנאָ. איך האָב גענומען שטאַרק שפּילן: — טשי־טשי! מיר דוכט זיך, ס'איז פּונקט ווי אַ פייגעלע.

אָבער די מאַמע האָט זיך געווישט אַ טרער נאָך אַ טרער!

מיין מאַמע בלייבט אומעטיק.

איך האָב אויפגעהערט צו שפּילן, איך האָב דעמאָלט לאַנג און שטום געקוקט אויף מיינע פיס...

לעבן מיר איז געשטאַנען מיין שטעקן.

דאָס געבעט פון די הונגעריקע

דאָס ערשטע קומט צו פליען צו מיין פענצטער דאָס קלייניקע שפערל-פייגעלע, און, פיק, פיק מיט איר קליין שנאָבעלע אויף שויב פון פענצטער. נאָר היינט האָט זיך דאָס פענצטער ניט געעפנט ווי תמיד, און דאָס פייגעלע האָט אירע ברעקלעך ברויט ניט געפונען.

דערנאָך זיינען אָנגעפלויגן אַ סך פייגעלעך, גרויסע און קליינע, און זיי וואַרטן אויף זייערע ברעקלעך ברויט. נאָר זיי וואַרטן נעבעך אומזיסט.

מיט איין שפרונג שפרינגט אַרויף דאָס גרויסע וועווריקל אויף דער שטיינערנער פענצטער-ברעט, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיסעלעך, לייגט די פאָדערשטע לאַפּקעלעך צוזאַמען, ווי אין אַ געבעט, און וואַרט אַז דאָס פענצטער זאָל זיך עפענען. זי דאַרף דאָך קריגן אירע טעגלעכע ניסעלעך. נאָר דאָס פענצטער איז נאָך אַלץ פאַרמאַכט.

דאָס קליינע קעצעלע, אויף איין אויג בלינד, שטעקט אַרויס איר קעפּל פון די קוסטעס און הערט זיך צו צי עמיצער טראָגט איר דאָס ביסל מילך וואָס זי באַקומט יעדן טאָג.

פון אונטער דער ווערענדע האָט אַ הונט אַרויסגערוקט זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס דערשפּירט, אַז מיט זיין ברויט און וואַסער-געבעריין האָט עפּעס פּאַסירט, און ער האָט אַ וויינענדיקן האַפּקע געטאָן.

דאָס וועווריקל און דאָס קליינע שפערל, וואָס זיינען אויף דעם פענצטער-זוים געשטאַנען האָבן זייער ברויט-געבעריין אין בעט ליגן דערזען. האָבן זיי, אויף זייער שפּראַך די אַנדערע

דערציילט: — „טפּי, טפּי, טפּי", האָבן פייגעלעך טרויעריק געזאָגט: — „זי פלעגט אונדז געבן ברויטברעקלעך און וואַסער, איצט — ניט גוט, דאָרט ליגט זי אינעווייניק".

— טציל, טציל, זאָגט די וועווערקע אויף איר שפּראַך, — ניטאָ מיינע ניסעלעך, איין ניסעלע האָב איך פאַר מיינע קליינע אין נעסט געטראָגן און איינס פאַר זיך גענומען.

— מיא, מיא, מיאָקעט דאָס בלינדע קעצעלע, זי האָט מיר יעדן טאָג אַ שיסעלע מילך געבראַכט און ביי מיין זעענדיקן אויג געשטעלט, איך זאָל זען דאָס מילך.

— האַוו האַוו, האַווקעט דער קראַנקער הונט, ווען מיין פוס איז צעבראָכן געוואָרן פון אַן אויטאָמאָביל, בין איך אין דעם גאָרטן אַריינגעלאָפן און אונטער דער וועראַנדע זיך באַהאַלטן. ניט געקענט האָב איך צו מיין אייגן היים צוגיין, איך האָב שוין געמיינט דאָס איך וועל דאָ פון הונגער און ווייטאָג אויסגיין. נאָר די גוטע האָט מיר יעדן טאָג עסן געגעבן און מיך ביים לעבן דערהאַלטן.

— פאַר דער גוטער געבערין לאָמיר בעטן גאָט, פאַר איר געזונט, — האָט וואָיענדיק דער הונט געהאַווקעט. זי איז איצט אַליין קראַנק, זי ליגט אין בעט.

און אַלע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט צו בעטן גאָט.

די פייגעלעך האָבן אָנגעבלאָזן די פעדערלעך און האָבן געטשוויטשעט: — טפּי, טפּי, דאָס בלינדע קעצעלע האָט רחמנות־דיק געמיאָקעט; דאָס גרויע וועווריקל האָט זיך ווידער גע־זעצט אויף אירע פיסעלעך מיטן גרויסן עק אין דער הויך און געשאָקלט איר מאָרדעלע. און דער קראַנקער הונט האָט אַ וויינענדיקן וואָיען אַרויסגעוואָיעט, אַז דער גאַנצער גאָרטן איז פאַרציטערט געוואָרן!

— גאָט, שיק אַ רפואה! מיר זיינען אַזוי הונגעריק!

די דערוואַכונג

(פון מיין טאָג־בוך)

אַן אומבאַוואוסטע פרייד האָט מיך היינט אויפגע־וועקט פריער ווי יעדן טאָג. איך ווייס אייגנטלעך אַליין נישט אין וואָס עס באַשטייט מיין פרייד. נאָר ס׳איז מיר היינט גוט.

ווי אַ יונג ציגעלע בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זיך שנעל אָנגעטאָן, און נאָך שנעלער אַרויסגעלאָפן פון הויז אין הויף אַריין. עפּעס האָב איך געוואָלט עמעצן דערציילן אַ סוד... נאָר איך ווייס נישט וועמען און ווייס נישט וואָס!

מיין בליק איז געפאַלן אויף דעם קעלבל, וועלכע איך האָב אויסגעהאָדעוועט און וואָס ס׳איז שוין איצט אַ גאַנצע בהמה... עס וואַרעמט זיך רואיק אויף דער זון. מיט איין שפּרונג בין איך געווען ביי דעם קעלבל, האָב זי אַרומגענומען און שטיל איר אין אויער אַריינגעשעפּטשעט עפּעס. און דאָס קעלבל אויף איר קעלבערשן לשון האָט מיר אָפּגעענטפערט: — מע־או, ווי זי וואָלט מיר זאָגן, — „איך האָב עס אויך איבערגעלעבט, מיין טייערינקע! איך ווייס, איך פאַרשטיי!".

איך האָב זיך פאַר דעם קעלבל איצט פאַרשעמט, דאָס קעלבל איז שוין נישט מער קיין קעלבל — זי וועט גאָר באַלד זיין אַ מאַמע.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך פלעג צוזאַמען מיט דעם קעלבל אַרומטאַנצן און אַרומשפּרינגען איבערן פעלד ווען איך האָב זי געפלעגט פיטערן.

איצט, ווער ווייס? ווער ווייס צי דאָס קעלבל, וואָס איז שוין אַ גאַנצע בהמה וועט ווידער קענען טאַנצן און שפּרינגען מיט מיר צווישן די בלויאינקע וואַסילקעלעך...

איך דערמאָן זיך ווי דאָס קעלבל האָט געבויגן איר קאָפּ און געקוקט ווי איך האָב פון פעלד געריסן בלימעלעך און גע־מאַכט אַ קראַנץ. דערנאָך, זיך געזעצט אין לייכטן שאָטן פון די הויכע זאַנגען און ווידער געפלאָכטן און געשפּילט זיך מיט די בלומען.

איך טראַכט און דערמאָן זיך: ערשט נעכטן איז עס געווען! איך האָב צו די בלימעלעך אין מיינע הענט גערעדט... אַ מאָדנער סוד איז אויפגעגאַנגען אין מיין יונג האַרץ! וואָס איז דער סוד? דאָס ווייס איך אַליין ניט.

אַ מאָדנע פרייד, אַ מאָדנער סוד!

אָט דער דאָזיקער סוד האָט מיך היינט פון בעט אַרויס־געהויבן.

נעכטן, דערמאָן איך זיך, איז אַזוי געווען;

אין מיטן פלעכטן מיין פרישן קראַנץ, בין איך געבליבן זיצן פאַרחלומט. עפּעס האָב איך געזען אין דער ווייטער־ווייט־קייט...

איך האָב ברייט צעעפנט מיינע אויגן און געקוקט ווי אַ יונגע הירשין שפּירנדיק אַ געפאַר, און צו דער זעלבער צייט אויך אַ גרויסע פרייד. מיט אַ סודותדיקן שמייכל אויף די ליפּן האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף דעם גראָז האַלטנדיק דעם האַלב פאַרפלאָכטענעם קראַנץ אין האַנט איבער מיין שיין, גאָלד־געלאָקטן בלאָנדן קאָפּ.

אויסציענדיק זיך איבערן גראָז האָבן מיינע יונגע גלידער מיך גענומען רייצן און געמאַכט קלאַפּן אומרואיק מיין האַרץ. דאָס גראָז האָט געוויקלט און געפרישט מיינע געלענקען.

מיין נאַקן, איז געווען אָנגעצויגן, געשפּאַנט. איך האָב הויך

אַ הויב געטאָן מיינע צוויי פּיס און מיר האָט זיך געדוכט אַז איך זע צוויי ווייסע שוואַנען, ניין, שוואַנען־העלדזער!

מיין בלוזקע איז אַראָפּגעפּאַלן נידעריק און דער ווינט האָט מיט אַ הויכן גראָז אָנגערירט מיינע שטייפע יונגע בריסט. איך האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן און האַסטיק זיך אויפגעזעצט, קוקנ־דיק אין דער ווייטער ווייטקייט אַריין.

איך האָב געקוקט, געקוקט, געוואַנדערט מיט מיין צעעפנטן קוק איבער פעלד און וואַלד, געזוכט וואָס אין טיפן האַרי־זאָנט...

שאַט, ווער קוקט דאָרט אַרויס פון געדיכטן קאָרן? ווע־מעס שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן זיינען עס? ווער שאַרט זיך דורכן קאָרן פּאַמעלעך צו מיר?

איך האָב אַ שפּרונג געטאָן מיט דעם האַלב־געפלאָכטענעם קראַנץ, האָב זיך געלאָזט לויפן אַהיים. אַזוי אַנטלויפן דאָך אויך חיהלעך פון געפאַר.

אין דער היים האָב איך, ביינאַכט, לאַנג געקוקט דורכן פענצטער. איך האָב פאַנאַנדערגעשאַרט דעם פאָרהאַנג, אָט איז די לבנה! וואָס זוכט זי? וואָס וויל זי? אַהאַ, זי וויל זען צי איך בין שוין אין בעט! זי היט מיך! זי היט מיך! און אפשר גאָר רופט זי מיך? אפשר וויל זי איך זאָל אויך אַרויסקומען און וואַנדערן דורך דער נאַכט?

אי, ווי גוט איז דער צודעק!

הענט נעמען מיך אַרום, איך הער אַ שעפּטשען אין אויער, כ׳בין איינגעשלאָפן. מיינע ליפּן האָבן געפילט אַ טעם.

מיטן באַגינען בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון בעט!

אַ גרויסע פרייד! אַ גרויסע פרייד! זיי געגריסט, דו נייער טאָג!

אין אַ זומער־נאַכט

אַ שטילע, רואיקע, געבענטשטע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעטסקילס, אויף באַרג און טאָל. די לבנה איז מאַיעסטעטיש אַרוים אויף איר ביינאַכטיקן שפּאַציר באַגלייט פון איר סוויטע — די פינקלענדיקע שטערן.

ביים שוועל פון אַ הויכן באַוואַלדיקטן באַרג האָט זיך אַ קלאָר טייכל צעשפּרייט איבער לאָנקעס און וועלדער, די לבנה האָט זיך אין דעם געשפּילט.

פון הויכן באַרג אין דער טונקל איז פון ערגעץ אַ שטראָם־וואַסער מיט אַ רויש אין דעם קלאָרן טייכל אַריינגעפאַלן און ווילנדיק, ניט ווילנדיק האָט דאָס טייכל אין אירע ברעגן דעם שטראָם אַריינגענומען.

ביים טייכל אויף אַ גרינער לאָנקע איז געווען אַ קעמפּ־פייער צעלייגט. אַ צאַנקענדיק פייער און ליידיקע בענקלעך, איבערגעקערטע שטולן זיינען פון דעם העל־פלאַמענדיקן קעמפּ־פייער פאַרבליבן. די האָטעל־געסט וואָס האָבן זיך אַזוי לוסטיק אַמוזירט ביים פייער זיינען זיך צעגאַנגען, יעדער אין זיין וועג — די אין קוסטעס, די אין די האַרטע בעטן... און זיי האָבן איבערגעלאָזט זייער אומרו טאַנצן אַרום דעם צאַנקענדיקן פייער. ווינטלעך, אויף די אַשעם ווייען; פונקען גיבן נאָך אַ גלי־אויף, פליען אין דער הויך און לעשן זיך שנעל אוים.

אַ, שטילע רואיקע, געבענטשטע נאַכט.

דער ווינט, וואָס האָט געהערט די געזאַנגען און לוסטיקן

געלעכטער ביים פייער, האָט זיך צוריק צום וואַלד און באַרג אַוועקגעקערט און דעם באַרג־גייסט די סודות דערציילט.

דער באַרג־גייסט! צי ווייסט איר ניט אַז ס'איז דאָ אַזאַ גייסט? ער רופט, ער ציט, ער מאַניעט!...

איך בין אויך געווען ביים פייער. איצט בין איך געבליבן אַליין. איך טרוים מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. מיר דוכט, איך הער עפּעס אַ געהיימע שטימע, עפּעס פליסטערט.

יאָ, דאָס איז דער ניט־געזעענער באַרג־גייסט! ער באַ־ווייזט זיך ביים צאַנקענדיקן פייער, ער האַלט אַ טרובע אין האַנט, ער טרובעט, ער רוישט, און זאָגט: —

— שאָטנס נאַכטיקע, איר, די אמתע געשטאַלטן! קומט אַרויס, קומט אַרויס פון אייערע באַהעלטענישן! קומט אַרויס אויך פון די קוסטעס! וואָרעם די קוסטעס אַליין ווערן פאַר אייך נייע מאַסקעס. איצט אָבער איז מיטן נאַכט, ניטאָ קיין מאַסקעס!

— אייביק, אייביק פּלאָגן זיך, שטיקן זיך די מענטשן אונטער אַלערליי מאַסקעס. אָבער איצט: — זאָלן זיך איצט פריי ציען אייערע הענט, זאָלן זיך פריי ציען אייערע לייבער! אַנטלויפט פון די קאַלטע נאַכט־קליידער, פון די קאַלטע צו־דעקן! אַרויס, אַרויס! איצט איז נאַכט, איצט איז נאַכט! איך שוועב, און איר נאָך מיר!

אַזוי האָט גערעדט דער באַרג־גייסט.

און די לעצטע פונקען פון דעם זיך לעשנדיקן פייער זיינען נאָך אַלץ געפלויגן אַרויף און באַלד — ניט געוואָרן.

אָ, וואָס פאַר אַ שיינע, געבענטשטע, זומער־נאַכט!

דאָס נייע „בענטשערל״

צום וויפלטן מאָל האָט זי שוין געעפנט דעם ביכער־שראַנק, אַרויסצונעמען דאָס ביכל נאָר זי האָט דאָס ביכל נאָך דערוויל ניט געלייענט.

און איצט איז זי געבליבן זיצן מיטן ביכל אין האַנט; איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון דעם ווייכן וויגשטול; און מיטן ביכל צוזאַמען אַוועקגעפלויגן — אַהין, וואו איר פינגער איז אין דעם ביכל פאַרמאַכט געוואָרן...

איר פינגער האָט שטומערהייט אויף עפּעס אָנגעוויזן!...

ווער ווייס ווי לאַנג זי וואָלט אַזוי פאַרחלומט געזעסן ווען ניט דער ווינט, די שניי־זאַווערוכע, וואָס האָט אַזוי געקלאַפּט אין די פענצטער, דאָס קלאַפּן פון ווינט, האָט איר געבראַכט זכרונות פון איר קינדהייט.

אויך דעמאָלט, אין יענער נאַכט איז געווען אַ שניי, און אַ ווינט וואָס האָט געקלאַפּט אין די לאָדנס.

זי? ווער איז זי? דאָס בין איך דאָך אַליין!

מיר זיינען געזעסן מיט דער מאַמען אויפן לעזשאַנקע. די מאַמע האָט אונדז קינדערלעך, געטוליעט צו זיך ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַרן ווינט וואָס האָט געריסן די שטוב. אַז דער ווינט האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די לאָדנס האָט ער זיך געריסן און זיך צעיאָמערט אין קוימען. דער פאָטער האָט געזאָגט צו דער מוטער: — „עס איז אַ פראָסט מיט אַ זאַווערוכע, אַ גע־פאַר אַרויסצוגיין״. און ער האָט זיך געזעצט ביים טיש מיט

אַ ספר. פון דעם אומעטיקן ניגון פון פּאָטערס לערנען, האָבן מיר זיך נאָך מער צוגעטוליעט צו דער מאַמען. דאָס מאָל האָט זיין ניגון אונדז נאָך אומעטיקער געמאַכט.

מיט אַמאָל האָט זיך אונטערן פענצטער דערהערט אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן און ווי עמעצער וואָלט געגעבן אַ קרעכץ.

מיר, קינדער האָבן געקוקט צו דער מאַמען מיט צעשראָ־קענע אויגן. אויך די מוטער האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט צום פּאָטער: — „עמעצער ווערט דאָרט פאַרפרוירן אין דער זאַווערוכע".

דער פּאָטער האָט אָנגעטאָן דעם קורצן פוטערל זיך פאַר־גאַרטלט, אָנגעצונדן די לאַמטערנע, און אַרויס צו זען ווער עס האָט געקלאַפּט.

באַלד איז דער פּאָטער צוריקגעקומען מיט אַ האַלב־פאַר־פרוירענעם ייד מיט אַ גרויסן פּאַק אויפן פּלייצע. דער פּאָטער האָט אַראָפּגענומען דעם פּאַק פון דעם יידנס פּלייצע, אויסגעטאָן אים די שטיוול און גענומען רייבן אים די הענט און די פיס, וואָס זיינען געווען פאַרפרוירן און האָט אים געגעבן עפּעס צו טרינקען. די מוטער האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

ווען דער ייד האָט זיך אַ ביסל דערוואַרעמט האָט דער פּאָטער אים גענומען פרעגן: — „פון וואַנען קומט אַ ייד אין אַזאַ זאַווערוכע, און וואָס טראָגט אַ ייד אין אַזאַ פּאַק?"

דער ייד האָט ווייניק געענטפערט, געווען מיד און דער־פרוירן.

אָבער דערפאַר האָבן מיר אויף מאָרגן געהאַט פון דעם יידן נחת.

נאָכן דאַווענען און אָנבייסן, האָט דער ייד אויפגעמאַכט זיין פּאַק. ס'איז געווען אַ פּאַק מיט ספרים, און יעדערער פון אונדז האָט דאָרט געפונען זיינס... דער פּאָטער האָט גענומען אַ ספר, די מוטער אַ תחינה, די שוועסטער, די עלטסטע אַ ביכל פון

וועלכן זי האָט שפּעטער געלייענט מיט ביטערע טרערן אַ „מעשה מיט אַ שוואַרצן יונגנמאַנטשיק"... און איך האָב דער־זען אַ קליין ביכל מיט בלויאינקע טאָוועלעך און האָב עס געעפנט.

וואָס איז דאָס? האָב איך אויסגערופן.

האָט די מאַמע געזאָגט: — „ס'איז אַ בענטשערל", דאָ זיינען דאָ אַלע ברכות, אַלע בענטשונגען.

— אַ „בענטשערל", אַ „בענטשערל"! — האָב איך שטי־פעריש אויסגעזונגען.

איך האָב געבלעטערט דאָס „בענטשערל", און אַלץ מער האָבן די קינדערישע אויגעלעך געלויכטן מיט קינדערישער פרייד; אַזוי? אַלע ברכות!...

— זע נאָר, האָב איך מיט התפעלות געזאָגט צו דער שוועסטער, דאָ אין דעם „בענטשערל" איז דאָך פאַראַן אַלץ, „קרישמע" לייענען און ברכה זאָגן.

מיין קינדערישע פרייד האָט צוגעצויגן דעם פאָטערס בליק און ער האָט צו מיר געזאָגט מיט זיין גוטן שמייכל: „מי־זינקעלע! דו ווילסט דאָס „בענטשערל"? איך האָב זיך פאַר־שעמט און אַוועקגעלייגט דאָס „בענטשערל" צוריק. דער פאָ־טער האָט גענומען דאָס „בענטשערל" און צו מיר געזאָגט: —

— „אַז איך וועל דיר אָט דאָס ביכל, דאָס „בענטשערל" קויפן, וועסטו לייענען פאַרן שלאָף „קריאת שמע?".

איך האָב מיט צעשטראַלטע אויגן אויפן פאָטער געקוקט און געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע: — „יאָ, איך וועל זאָגן און איך וועל אויך ברכה זאָגן". דער פאָטער האָט מיר דאָס בענטשערל מיט די בלויאינקע טאָוועלעך געגעבן און האָט אַ גלעט געטאָן מיין קאָפּ...

צו מיין פרייד איז גאָר קיין ברעג ניט געווען. עפּעס אַ קלייניקייט, מיינס, מיין אייגן „בענטשערל".

איך האָב באַלד צוגענייט צו דעם „בענטשערל" אַזאַ

הענגערל און אויפגעהאָנגען דאָס „בענטשערל״ אויפן וואַנט איבערן בעט. און יעדן אָוונט פאַרן שלאָף, האָב איך אים אַראָפּגענומען און געלייענט „קרישמע״ מיט כוונה. און נאָכן לייענען געגעבן אַ האַרציקן קוש דעם „בענטשערל״ און צוריק אויפגעהאָנגען אויפן וואַנט און איינגעשלאָפן, מיט זיסע חלומות, איינגעשלאָפן מיט ברכות אויף די ליפּן.

די זכרונות ווערן שטיל...

אַמאָל, אַמאָל...

אין דרויסן רייסט דער ווינט, ער שלאָגט זיך אָן די שויבן, פּונקט ווי אַמאָל...

זי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ דרעמל.

און וואָס האַלט זי איצט אין האַנט?

— אָ, דאָס איז אַ נייער, אַ ניי „בענטשערל״, דאָס איז דאָך אַ ביכל לידער וואָס איר גוטער פריינד האָט איר געגעבן. דאָס זיינען זיינע לידער, זיינע געזאַנגען. זי געפינט דאָ געזאַנגען צו אירע חלומות.

— אַ ניי „בענטשערל״! אַלע אירע חלומות! אַלע ברכות!

יאָ אויך דאָ זיינען דאָ גוטע ברכות. אויך די נייע ברכות וואָלט גוט געווען זיי צו לייענען, ווי „קרישמע״, פאַרן שלאָפן גיין, אַריינצוואַווייִנען רו אין האַרצן אַריין...

אָבער זי האָט נאָך דאָס נייע „בענטשערל״ ניט געלייענט. ווי זי נעמט עס נאָר אין דער האַנט — קומען צו איר אַמאָליקע זכרונות.

דער זעלבער ווינט, די זעלביקע סקרוכיקע נאַכט!

דער האַרבסט מיטן ווינטער האָבן זיך באַגעגנט

אויף די האַרבסט־פעלדער האָט דער ווינטער אַרויס־געשיקט אַ לייכט פרעסטל ווי אַ סיגנאַל אָנצוזאָגן דעם האַרבסט, אַז ער אַליין דער מעכטיקער ווינטער קומט!

דער האַרבסט האָט דעם פרעסטל באַגעגנט. האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַ קאַמף. דער האַרבסט האָט צוזאַמענ־גענומען זיין גאַנץ ביסל פייערדיקע שטראַלן, וואָס אים איז פון זומער איבערגעבליבן און האָט דאָס פרעסטל פאַריאָגט.

דאָס פרעסטל קערט זיך אָבער צומאָרגן אום צוריק און נאָך מיט חוצפּה, און לאַכט זיך אויס פון האַרבסט.

— איך האָב ניט מורא פאַר דיינע שטראַלן!
— איך בלייב דאָ שטיין,
— דיינע שטראַלן?
— איך ווייס זיי זיינען שוין די לעצטע
זיי וועלן אין וואָלקן באַלד פאַרגיין.
און איך! וועל ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער
און מיט מיינע שניי־שטורעמס
וועל איך דיך אין גאַנצן פאַרניכטן.

דער האַרבסט —
— איך לאָך פון דיר! וואָס וועסטו פאַרניכטן?
אַז אַלץ האָב איך דאָך שוין אַליין פאַרניכטעט.

אַלץ וואָס האָט אין פרילינג געבליט און אין זומער
רייף געוואָרן, האָב איך, דער האַרבסט, געטויט.
אַלע טאָלן האָב איך אָנגעפּילט מיט זייערע
ליידיקע בלעטעלעך...
האָב געמאַכט פּוסט אין וואַלד און פעלד.
— טאָ וואָס וועסטו פאַרניכטן?

זאָגט דער ווינטער צום האַרבסט:

— אמת, אַז דו האָסט אַלץ צום פאַרניכטונג געבראַכט. אָבער דו זאָגסט ניט דעם אמת. דו האָסט דאָך אויך פאַרזייט קאָרן־זאָמען און אָט דעם גרינעם טעפּיך וואָס דו האָסט איבער פעלד ווי אין פרילינג אויסגעשפּרייט. איך וועל עס באַלד מיט מיינע ווינטער־קאַלטע־אָרעמס אַרומנעמען און מיט מיין ערשטן שניי־שטורעם טייטן. איך בין טויט, פאַרניכטונג! איך בין קיניג פון אומקום!

זאָגט דער האַרבסט:

— דו וועסט עס ניט טייטן — וועסט עס בלויז פאַרפרירן, פאַרהאַרטעווען. און דער שניי וועט עס מיט איר ווייסקייט צודעקן. טיף, אָבער טיף אין דעם שוים פון דער ערד וועט זיך אירן דאָס לעבן. און ווען די זון וועט שיקן אירע ערשטע פרילינג־שטראַלן וועט די קעלט באַלד צעגיין, און פאַרשווינדן ווי דער שאָטן. און די קאָרן־זאָמען וועלן אַרויסשפּראָצן אויף דעם באַפרייטן פעלד און וועלן העכער אַלץ העכער אויפהויבן זייערע גרינע קעפּעלעך צום בלויען הימל. דעם האַרבסט קאָן מען ניט טייטן און אויך ניט באַזיגן. ביסט גערעכט! האַרבסט ברענגט וועלקונג, אָבער ברענגט אויך האָפענונג אויף מאָרגן!

אַ ניו־יאָרקער מעשה

(טאָני און דער לעצטער בוים)

ס'איז געווען אַ נאַכט אין שפּעטן האַרבסט, אַ שטאַר־קער פראָסט האָט שוין פאַרהאַרטעוועט די ערד און דער ווינט האָט אָן אויפהער איבערגעחזרט: „דער ווינטער קומט!" יע־דער איינער וואָס האָט געהאַט אַ היים, האָט זיך געאיילט צו זיין וואַרעם ווינקל און ביים אַריינקומען געבראַכט דעם ווינטס גרוס:

— „דער ווינטער קומט!" — סאַראַ פראָסט מיט אַ ווינט!

— דער ווינטער קומט!

אין די גאַסן איז שוין געווען שטיל איבערהויפּט אין דער געגנט וואָס האָט זיך ניט לאַנג פאַרבויט.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, דער הימל בלוי און אוים־געשטערנט נאָר זייער אַ קאַלטער. און מער פון אַלעמען האָט די קעלט געפילט טאָני, דער אַלטער איטאַליענער. ער איז גע־זעסן אונטער דעם אַלטן „פּיטש־בוים", ביי אַ פייער וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעלייגט אַרום זיין ביידל. ער איז געווען דער בוי־היטער ביי אַ ריי שיינע הייזער וואָס האָבן זיך ערשט אוים־געשטעלט. ער האָט שוין באַלד פאַרברענט דאָס גאַנצע ביסל אָפּפאַל־האָלץ וואָס איז איבערגעבליבן פון דעם בוי־געהילץ פאַר די הייזער. אָבער דער אַלטער טאָני האָט זיך נאָך אַלץ געפילט קאַלט, דאָס פאַנאַנדערגעלייגט פייער האָט דערוואַ־

רעמט זיין אַלטן אָפּגעצערטן קערפּער, אָבער זיין האַרץ און זיין נשמה איז געבליבן פאַרפרוירן. דאָס האָט מען געקענט אַרויס־הערן פון אַן אומעטיקער, אַלט־איטאַליענישן פאָלקס־לידל וואָס ער האָט שטיל אַזוי אונטערגעברומט: — „אָ, געליבטע קום צו גיין, דאָס פייער ברענט, דער פונק איז הייס!"

מיטאַמאָל האָט זיך דער ניגון ווי פאַרשטיקט ביי טאָנין אין האַלדז, ער האָט באַהאַלטן זיין קאָפּ אין ביידע הענט, אָנגעשפאַרנדיק די הענט אויף די ביינערדיקע קני און געקוקט פאַרטראַכט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענער ווייטקייט אַריין. וואָס האָט דער אַלטער היטער פון פרעמדע הייזער געטראַכט? וואָס האָט ער געזען מיט זיין ווייטן בליק? האָט ער געטראַכט פון זיין טרויעריקן מאָרגן?

ניין, ניט פון דעם מאָרגן האָט טאָני געטראַכט, נאָר פון זייַנע נעכטנס.

פון די נעכטנס מיט יאָרן לאַנגע צוריק.

ס'דאַכט זיך אים ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען! אָט, זעט ער ווי ער מיט זיין זיידן פלאַנצן פרוכט־ביימער — וויינטרויבן אין זיידנס גאָרטן. דער זיידע כאָטש שוין זייער אַלט האָט נאָך אַזויפיל מוט צום לעבן; שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. און ס'דאַכט זיך טאָנין אַז ער הערט נאָך דעם זיידנס ווערטער: — „דו זעסט מיין קינד, כאָטש איך בין שוין אַלט, דאָך פלאַנץ איך נייע פרוכט־ביימער, איך וועל די פרוכט פון די ביימער מסתמא ניט דערלעבן צו עסן, אָבער פלאַנצן מוז מען!"

און דער זיידע האָט ווייטער געזאָגט:

— דערפאַר זאָלסטו מיין קינד, גוט אויפפּאַסן אויף די פרוכט אין מיין גאָרטן. און אַזוי זאָלסטו אויך טאָן, אַז דו וועסט זיין אַלט, אַזוי האָב איך געלערנט דיין טאַטן ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, ניט געווען אים באַשערט קיין יאָרן! געשטאָרבן

אַזוי יונג, דערפֿאַר לערן איך דיך איצט, עס קאָן זיין, אַז דער גאָרטן וועט זיין פֿאַר דיר, דערפֿאַר זע זאָלסט גוט אויפּפּאַסן אויף די יונגע פּרוכט-ביימער".

האָט טאָני דעם זיידנס צוואה גוט אָפּגעהיט. יעדעס ביי-מעלע איז אים געווען טייער. אין דעם גאָרטן האָט ער הנאה-דיק פֿאַרבראַכט, צו יעדן בוים האָט ער אַן אַנדער מעלאָדיע געזונגען, די ביימער האָבן אַלע זיינע סודות געוואוסט. די ביימער זיינען פֿאַר אים געווען ווי לעבעדיקע וועזנס.

ווי אויף אַ לייוונט, וויקלען זיך פֿאַנאַנדער בילדער פֿאַר זיינע אויגן. ער זעט זיך ווי אין אַ שפּיגל, אַ געזונטן, צוואַנציק-יאָריקן בחור, ווי ער שטייט אין זיידנס גאָרטן מיט דער גרויסער שער, און שניידט אַראָפּ די פֿאַרדאַרטע צווייגעלעך פֿון די פּרוכט-ביימער, און אַרבעטנדיק זינגט ער אַ ליבעס-ליד צו זיין געליב-טער, אַנדזשעלינאַ: — „אָ, געליבטע, קום אהער". און זינגען האָט ער געקאָנט זייער שיין! און געוואוסט האָט ער אויך אַז ער איז אַ שיינער יונג. און אַז אַנדזשעלינאַ האָט אים זייער ליב, ווייל זיי האָבן געוואוינט אין שכנות מיט איר פֿאָטער, דעם רייכן אויל-סוחר. אָפֿטמאָל ווען ער האָט געזונגען איז אַנדזשע-לינאַ אַראָפּגעקומען צו איר גאָרטן-צוים און זיי פֿלעגן ביידע זינגען איבער דער אָפּצאַמונג. ער פֿלעגט באַלד אָבער אַריבער-קריכן צו איר גאָרטן און זיי פֿלעגן זיך פֿאַרקלייבן אונטער דעם קאַרשן-בוים. זייערע יונגע הערצער פֿלעגן זינגען און זיי האָבן געשוויגן. ביז איר מוטער, וואָס האָט זי זייער געהיט, פֿלעגט רופֿן:

— „אַנדזשעלינאַ, שוין ווידער אַוועק צו די קאַרשן!" איר מאַמע האָט געמיינט אַז אַנדזשעלינאַ איז פֿאַרליבט אין זאַפֿטיקע קאַרשן.

און אָט איז פֿאַר זיינע אַלטע אויגן שוין אַן אַנדער בילד. אַנדזשעלינאַס עלטערן זיינען רייך און ער אַן אייניקל פֿון אַן

אָרעמען פּויער. ווי אַזוי קאָן ער בעטן איז האַנט ביי איר טאַטן? ער דאַרף זיין רייך, נאָך אפשר רייכער פאַר איר פאָטער, כדי ער זאָל קאָנען חתונה האָבן מיט איר. און זיצנדיק מיט זיין געליבטער אונטערן קאַרשן־בוים, באַשליסט ער צו פאָרן אין דעם גאָלדענעם לאַנד — אַמעריקע. ער וועט דאָרט אַרבעטן שווער און מאַכן אַ סך געלט, וועט ער זיך שיין אויסקליידן, קויפן אַ גאָלדענעם זייגער, און אויך פאַר זיין מיידל אַ גאָלדענעם בראַסלעט, און דעמאָלט קומען צוריק, און מיט דעם געלט וועט ער קויפן „לאַנד" און בויען זיין ליבעס־נעסט פאַר אים מיט אַנדזשעלינאַ. טאַקעביים קאַרשן־בוים געזעגענען זיי זיך און שווערן זיך אייביקע ליבע. זיי זינגען אין דער שטיל אַ זיי־געזונט ליד:

מיר וועלן זען זיך ווידער,
ביים אויפגאַנג פון דער זון;
און וועלן זינגען לידער —
צוזאַמען מיט דער זון!...

טאָני זיצט ביים פייער און טראַכט. גייען ווייטער זיינע זכרונות.

— די שבועה האָט ניט אויסגעהאַלטן. די ליבע־האָפענונג איז צערונען געוואָרן.

אַזוי, אַזוי: ביז טאָני האָט אין אַמעריקע אַריינגעטראָגן זיין ערשטן געלט־אָפּשפּאָר אין אַ ניו־יאָרקער איטאַליענישער באַנק, האָט שוין אַנדזשעלינאַס פאָטער זי פאַרקנסט צו אַ רייכן חתן — אַ פּריץ. עס האָט ניט געהאָלפן איר וויינען און בעטן זיך ביי איר פאָטער. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם וויינענדיקן בריוו פון זיין געליבטע מיידל, איז טאָני אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער.

אַרומגעגאַנגען, ביז ער האָט באַגעגנט די רייצנדיקע, יונגע נאַטאַליע און געפונען אין איר אַ טרייסט, נאָר זיין באַליבט-ליד האָט מען אים מער ניט געהערט זינגען.

לאַנג איז טאָני געזעסן ביים פייער פאַרזונקען אין זיינע דערינערונגען.

דאָס פייער איז געוואָרן האַלב פאַרלאָשן. טאָנים קאָפּ האָט אַראָפּגעזונקען נידעריק צום צאַנקענדיקן פייער, ביז אַ פונק פון פייער, אָדער פון זיין איבערגעלעבטן און אויסגעברענטן פייער פון זיין אַלטן האַרץ, האָט אים פון די געדאַנקען ווי פון שלאָף אויפגעוועקט. ער האָט אונטערגעוואָרפן שטיקער האָלץ אויף דעם האַלב פאַרלאָשענעם פייער און גענומען רייבן זיינע פאַר־פרוירענע הענט.

דאָס פייער האָט זיך ווידער צעפלאַקערט, די שטיקער האָלץ האָבן אַזש געקרעכצט. פייער־פונקען זיינען געפלויקן אין דער הויך און פאַרשוואונדן מיטן רויך. און טאָני האָט געקוקט אויף די פייער־פונקען מיט אַזוי פיל בענקשאַפט. און ווידער האָט אָנגעהויבן בלאָנדזשען זיין ווייטער בליק. עפּעס מאָדנע פרעמד האָבן אים אויסגעקוקט אָט די אַלע הייזער וואָס שטייען אין אַ ריי, וואו זיינע פרוכט־ביימער זיינען פריער גאָר געשטאַ־נען. און די גאַנצע געגנט איז אים מיטאַמאָל געוואָרן פרעמד. די געגנט וואָס איז אים אַמאָל דורך אַזוי פיל יאָרן, דאָ אין ניו־יאָרק, געוועזן אַזוי ליב און טייער. עס איז דאָך געווען זיין „קליין איטאַליע" — אַן איטאַליעניש־אימיגראַנטישער קוואַרטאַל. דאָ האָט ער דעמאָלט געהערט אייגענע ניגונים און זיך געטרייסט. ער געדענקט ווי ער איז צום ערשטן מאָל געקומען מיט אַ גרו־פּע אַרבעטער, זיינע לאַנדסלייט, דורכצעשניידן אַ נייע גאַס אין דער געגנט. עס האָט אים וויי־געטאָן. אמת, אָנשטאָט אַלטע, קליינע הייזעלעך זיינען דאָ אויסגעשטעלט געוואָרן נייע, אָבער קיין פרייד איז עס ביי אים ניט געווען.

מיט אַ צייט שפּעטער איז טאָני געוואָרן אַ ציגל-לייגער ביי די זיך בויענדיקע בנינים. אָבער זיינע חלומות האָבן ניט אָפּגעלאָזן: — די קאַרשן-ביימער, זיין זיידע, אַנדזשעלינאַ — די פאַרגאַנגענע יוגנט!

געווען אַ נייער חלום, אַז שפּעטער-צו וועט ער אָפּבעטן ביי זיין בוי-קאָנטראַקטאָר אַ שטיקל פריי ערד אין דער געגנט און אויסבויען פאַר זיך אַ קליין הויז. פון פאָרנט וועלן שטיין צוויי שטיינערנע לייבן, און הינטערן הויז — פּרוכט-ביימער, קאַרשן-ביימער. ער און זיין ווייבל, נאַטאַליע, וועלן געפינען אַ שאָטן אונטער די ביימער. אונטער די ביימער וועלן אויך רוען זיינע אַמאָליקע יוגנט-חלומות. נאַטאַליע איז אים טריי, און ער איז טריי צו נאַטאַליען. אָבער דער אַמאָליקער חלום שוועבט ווי אַ וועזן פאַר זיך אַליין...

אַזוי איז געווען. טאָני האָט זיך אויסגעבויט אַן אייגענע הויז מיט אַ בוים פון ווילדע קאַרשן אין מיטן דעם קליינעם הינטערשטן גאָרטן. לעבן דעם קאַרשן-בוים האָט טאָני איינגע-פלאַנצט אַ „פּיטש-בוים”. ער האָט שווער געאַרבעט און כסדר געצאָלט דעם בוי-מאַן די שווערע צאָלונגען פאַר דעם הויז. טאָנין איז געווען שווער. אָבער דער קאַרשן-בוים און דער „פּיטש-בוים” האָבן אים אַלץ, אַלץ גרינגער געמאַכט.

זעקס קינדער האָט אים נאַטאַליע געבוירן. דערווייל האָט זי גענומען שטאַרק אונטערקרענקען. איין מאָל, אין פרילינג, ווען דער קאַרשן-בוים האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע בלי-קנאָספּן איז נאַטאַליע געשטאָרבן.

און דאָס לעבן איז אים געגאַנגען אַלץ שווערער, די געלט-לאַגע איז אים אַלץ ענגער געוואָרן. שווער געווען צו מאַכן די צאָלונגען אויף זיין הייזקע, שווער! ער האָט זיין הויז געמוזט פאַרקויפן. אָבער דאָך פלעגט ער קומען אַלע זונטיק אַ קוק-

טאָן אויף זיינע ביימער. דאָס איז געווען זיין טרייסט, זיין אָנ־שפּאָר פון זיינע יונגע יאָרן.

— די קינדער זיינע האָבן חתונה געהאַט. זיי האָבן פאַר דעם טאַטנס ביימער געהאַט ווייניק געפיל. זיי זיינען אינגאַנצן געווען שטאָטישע קינדער.

— דערנאָך האָט אַ נייער בוי־קאָנטראַקטאָר טאָניין גע־מאַכט פאַר אַ נאַכט־וועכטער. טאָני איז שוין געווען אַלט. דער באָס האָט אים געזאָגט:

— טאָני היט די ציגל, היט דאָס געהילץ, היט מיינע הייזער!

טאָני האָט געהיט. ער האָט געהיט אַלץ אַרום ווי ער האָט געהיט זיין חלום פון אַמאָל.

די געגנט האָט זיך אַלץ געביטן און געביטן. די לעצטע גערטנער אין די הינטערשטע טיילן פון דער גאַס זיינען אינ־גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. ריעל־עסטייט האָט פאַרצוקט יע־דעם ברעקעלע באָדן. אַלץ העכערע מויערן האָט מען אויפגע־שטעלט.

דערווייל איז טאָנים קאַרשן־בוים אָפּגעשטאָרבן. געבליבן נאָר דער „פּיטש־בוים". און אַז טאָני האָט ביים פייער, ביי זייןביידל, זיך געוואַרעמט די הענט אין אַ ווינטער־נאַכט, האָט ער איין מאָל, צוויי מאָל זיך אַלץ אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען אַ קוק צו טאָן אויף דעם לעצטן בוים.

ניטאָ די יוגנט; די אַמאָליקע „ליטל־איטאַליען" איז אויך ניטאָ מער. ס'איז געוואָרן אַ גאַנץ נייע געגנט, אַזוי ווי עס פּאַ־סירט כסדר אין ניו־יאָרק. און צווישן די אַלע גרויסע הייזער גייט אַרום דער אַלטער טאָני מיט זיין בענקשאַפט. אַלטע ניגונים וועגן זיך ווי פונקען אין אַלטן הארצן, אָבער זיי פאַרלעשן זיך ווי פונקען.

און דאָ איז געקומען דאָס לעצטע. דער בוי־מאַן, דער נייער „באָס", מיט אַ סיגאַר אין מויל האָט געזאָגט:

— אַלץ ווערט אָראָפּגעריסן, מיר בויען דאָ אַ געביידע פון 14 שטאָק. די פריער־געבויטע הייזער טויגן ניט!

טאָני האָט דערזען, אַז אויך זיין לעצטער בוים וועט באַלד פאַרשווינדן.

איצט איז נאַכט. ס'איז קאַלט. טאָני זיצט ביי זיין היט־ביידל און חלומט. אַלץ ווערט פאַרשוואונדן, גייט אַוועק ווי דאָס גאַנצע לעבן.

טאָני גיט נאָך אַ קוק אויף דעם לעצטן בוים, און ער צעוויינט זיך. קומט אויף אין זיין האַרצן דאָס אַלטע ליד: —

— „קום געליבטע, קום אַהער. דאָס פייער ברענט, דער פונק איז היים!..."

פונקען, אפשר די לעצטע, רייסן זיך אין דער נאַכט אַריין.